ש. פינסקי.

# חֲלוּצִים.

וַאֲנַחְנוּ נֵחָלֵץ חֻשִׁים לִפְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
עַד אֲשֶׁר אִם־הֲבִיאֹנֻם אֶל־מְקוֹמָם...
(במדבר ל״ב, י״ז).

אַרויסגעגעבען פֿון דעם
הויפּטביורא פונ׳ם קרן־היסוד.
75, Gt. Russell St., London, W.C. 1.
לאנדאן
.1922

181

ש. פינסקי.

# חלוצים.

## פאַרוואָרט.

פֿון צווישען די חורבות פֿין יריחו, פֿון אונזער ווייטען ווייטען אַמאָל, אין יהושע׳ס צייטען, איז אויסגעגראָבען געוואָרען אַנ׳אַלט וואָרט, אַ גרויסער נאָמען — חלוצים.

אָט דאָס וואָ־ט וועט פֿון איצט אָן פֿאַרבלייבען אין אונזער געשיכטע אַלס אַ נאָמען פֿין אַ גרויסער העלדען-פּאָעמע וואָס ווערט געשאַפֿען אין אונזער דור און וואָס וועט ערשט אַמאָל געזונגען ווערען.

אָבער דאָס זעלבע וואָרט וועט אויך פֿאַרבלייבען אין אונזער געשיכטע אַלס אַ שווערער „באַשולדיגונגס-אַקט" ג ע ג ע ן אונזער דור.

ו ו י ס דען דאָס פֿאָלק וואָס הייסט חלוצים? ק ע ן זיי דאָס פֿאָלק? פֿאַרשטעהט דען דאָס פֿאָלק וואָס זיי באַדייטען פֿאַר זיין גאַנצער צוקינפֿט? דאָס פֿאָלק ווייס נ י ט. עמיגראַנטען! אידישע יונגע לייט וואָס ווילען איסוואַנדערן קיין ארץ-ישראל! קען דאָס איבעראַשען אַ וואַנדער-פֿאָלק וואָס „לעבט אויף זיין שטעקען", וואָס הערט ניט אויף צו בלאָנדזשען אַזוי פֿיעל יאָהרהונדערטער? און מ׳ווערט ניט איבעראַשט, און מ׳פֿאַרשטעהט ניט, אַז אָט די וואונדערבאַרע אַרמעע ציהט זיך פֿון אַלע גלות-לענדער אַהין, צו יענעם איינציגען שלאַכט-פֿעלד וואו אונזער גרעסטער קאַמף מוז ענדליך פֿאָרקומען, און מען באַגרייפֿט ניט די וואונדערבאַרע כלי-זין אין זייערע הענד — דעם גראָב-אייזען און דעם האַמער!...

צוריק מיט אַ פֿיער צעהנדליג יאָהר זענען זיי, די חלוצים, צום ערשטען מאָל ווידער אַרויף אויף דער אידישער במה. אַ קליין הייפֿעל מענשען איז דאָס געווען, אפילו דעם נאָמען „חלוצים" האָבען זיי נאָך אויף זיך ניט געטראָגען. זיי האָבען געמיינט אַז דאָס ג אַ נ צ ע אידישע פֿאָלק געהט מיט זיי. זייער רוף איז געווען: בית יעקב לכו ונלכה!

דאָס זענען געווען די ב י ל"ו - ע ר, וואָס האָבען זיך אַוועקגעלאָזען קיין ארץ-ישראל, דער ערשטער מנין אידישע פּיאָנערען וואָס זענען אַוועק אין אַ בלינדער צוקינפֿט כדי אויסצובויען אַ אידישע ליכטיגע צוקונפֿט.

קיינער האָט נאָך ניט גענוי אָבגעשאַצט די גבורה׳שע מעשים פֿון אָט די ערשטע חלוצים, וואָס האָבען אונטער די אונמעגליכסטע באַדינגונגען געשאַפֿען יענע וואונדערבאַרע לעגענדעס, וואָס מיר רופֿען אויפֿ׳ן פשוט׳ען לשון „קאָלאָניעס", יענע וואָס האָבען אין אַ מדבר גערטנער געפֿלאַנצט.

אין קיינער האָט נאָך ניט אָבגעשאַצט די גבורה׳שע מעשים פֿון יענער צווייטער, שטאַרקער מחנה חלוצים פֿין יאָהר 1905, יענע אַרבייטער וואָס זענען אַרויסגעשפרונגען פֿון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע און זיך געלאָזען אין שטאַרקע רייהען צו די ברעגען פֿון אַנ׳אוראַלטע־ היים צו רעוואָלטירען אין קעמפֿען געגען איהר חורבן, יענע חלוצים וואָס האָבען געלעגט דעם שטאַרקסטען יסוד פֿאַר דעם אויפֿבוי פֿון לאַנד אין פֿאָ־ק, דעם גרונדשטיין פֿון דער איצטיגער פּראָדוקטיווער אַרבייטערשאַפֿט אין ארץ-ישראל, דעם אידישען ל אַ נ ד ו ו י ר ט ש אַ פֿ ט ל י כ ע ן אַ ר ב י י ט ע ר!

אָבער אפשר וועלען מיר בעסער קענען אָבשאַצען די איצטיגע דריטע פּיאָנערען-עפּאָכע — די היינטיגע חלוצים באַוועגונג.

א.

# די חלוצים-באוועגונג.

ווען דער ערשטער בת־קול פֿון דער אידישער גאולה האָט זיך פֿאַר־טראָגען אין לעגענדאַרישע טענער איבער דער וועלט, און באַזונדערס איבער די בלוטיגע לענדער פֿון מזרח־אייראָפּא, איז פֿון די טייכען אידיש בלוט אַרויפֿגעשוואומען, און זיך באַוויזען איבער די חורבות פֿון די צו־שמעטערטע אידישע קהלות, אַ הויך-פּלאַטערנדע, יונגע, שטאָלצע פֿאָהן — די פֿאָהן פֿון די ח ל ו צ י ם.

און מערקווירדיג: גראָד די יעניגע אידען וואָס האָבען זיך צו יענער צייט געפֿונען ווייט פֿון דער ציוניסטישער פּאָליטישער פּלאַטפֿאָרמע, פֿון דער עקאָנאָמישער ווירקליכקייט אין א"י, גראָד די־יעניגע וואָס זענען געשפּייזט געוואָרען מיט חלומות און לידער פֿון גאולה — גראָד יענע האָבען תופס געווען די ווירקליכקייט פֿונ'ם מאָמענט און באַגריפֿען די לעזונג פֿון דער גאַנצער פֿראַגע אַ סך בעסער און געזונטער און רעאַלער ווי אַ סך פֿון די וואָס זענען געשטאַנען ביים רודער.

פֿאַר דעם „חלוץ", פֿאַר דעם יונגען מח וואָס האָט נאָך ניט צייט געהאַט פֿאַ־דרעהט צו ווערען, איז אונזער גאַנצער פּאָליטישער און עקאָ־נאָמישער מצב געלעגען אייפּ'ן האַנד קלאָר און דייטליך:

יאָ, מיר האָבען אַ דעקלעראַציע פֿון ענגלאַנד מיט דער הסכמה פֿון אַלע גרויסמעכטע, אַז מיר אידען קענען שאַפֿען אין ארץ־ישראל אַ אידישע נאַציאָנאַלע היים. אַנטקעגען דעם פּאַפּירענעם דאָקומענט זענען אָבער פֿאַ־אַן צוויי אייזערנע פֿאַקטען:

אין א־ץ־ישראל זענען פֿאַ־אַן כמעט דריי פֿערטעל מיליאָן נפשות איינוואוינע־. די צאָהל אידען צווישען זיי (מיט אַ דריי יאָהר צוריק) בלויז 62 טויזענד בערך אינ'ם גאַנצען לאַנד. ווייניגער פֿון אַ צעהנטעל אַלזאָ פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג, וואָס באַשטעהט פֿון אַראַבער.

ארץ־ישראל זעלבסט איז נאָך אַ חרוב'דיג לאַנד וואָס מ'דאַרף ערשט אויפֿבויען. די ערד גופא איז מייסטענטיילס נאָך גאָר ניט בעאַרבייטעט, און אפילו די וייסטע פֿאַרלאָזענע ערד, געהערט נאָך אויך ניט צו אונז. וואָס מיר באַזיצען פֿין איהר איז נאָך דערווייל אַ גאַנץ קליינער שטח.

פֿאַרשטעהט יעדערער וואָס האָט אַ ברעקעל געזונטען מענשען־פֿאַרשטאַנד, אַז מיט דער בעסטער פּאָליטיק קען בשום אופן ניט געשאַפֿען ווערען קיין אידישע ארץ־ישראל, כל זמן די אידען וועלען בלייבען אין אַ אַ קליינער מינאָריטעט, און כל זמן דאָס לאַנד וועט ניט קאָלאָניזירט

ווערען. דאָס הייסט, אַז אויב מיר ווילען שאַפען אַ אידישע ארץ־ישראל דאַרפען מיר: אַריינפיהרען אין לאַנד אַ מאַקסימום אידען אין אַ מינימום צייט, וואָס מ ע ה ר אידען און וואָס ג י כ ע ר, און אויסזוכען קודם כל די־יעניגע עלעמענטען פאַר דער איינוואַנדערונג, וואָס זאָלען זיין בכח צו קאָלאָניזירען דאָס לאַנד און זי אויפצובויען.

דאָס איז דער יסוד פון דער גאַנצער חלוצים באַוועגונג. איהר לאָזונג איז:

א) ארץ-ישראל נויטיגט זיך אין אַ אידישער מ אַ י אָ ר י ט ע ט. אָבער ביז דיזע מאַיאָריטעט וועט געשאַפען ווערען ב כ מ ו ת מוז די אידישע באַפעלקערונג פון ארץ-ישראל זי ערזעצען ב א י כ ו ת. איידער מיר ווען האָבען אַ מעהרהייט אין צ אָ ה ל מוזען מיר האָבען אַ אינוועגדיגסטע מעהרהייט אין כח. דאָס הייסט, אַז די נייע איינוואַנדערער דאַרפען זיין דער קרעפטיגסטער מענשען-מאַטעריאַל, פול בלוט און לעבען.

ב) ארץ-ישראל דאַרף ערשט קאָלאָניזירט ווערען, די לאַנד־ווירטשאַפט דאַרף זיך ערשט ענטוויקלען, אינדוסטריע מוז ערשט איינ־געפיהרט ווערען, און דאָס גאַנצע נייע לעבען, דאָס עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטליכע, מוז זיך ערשט אָנהויבען פון בראשית. דאָס הייסט, אַז די נייע איינוואַנדערער מוזען זיין אַ ר ב י י ט ס - פ ע ה י ג ע מענשען, וואָס זעגען נאָך יונג און פריש און מסוגל צו אַלערליי שווערע אַרבייטען, מענשען וואָס קענען אַקערן און זייען, פלאַנצען און בויען.

ג) ארץ־ישראל נויטיגט זיך אין אָ פ פ ע ר ו ו י ל י ג ע מענשען. אַז מ'פאָהרט קיין א"י פאָהרט מען נאָך ניט אַהיים. מ'פאָהרט ב ו י ע ן אַ ה י י ם. דאָס הייסט, אַז די נייע איינוואַנדערער דאַרפען זיין מענשען מיט אַ געזונטען נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ן באַוואוסטזיין, וואָס קענען מקריב זיין זייער פריוואַטען גליק און אפילו זייערע לעבענס.

האָבען מיר נאָך אַ זע ל כ ע מענשען?

זאָל דאָס גאַנצע אידישע פאָלק הערען, זאָל די גאַנצע וועלט הערען: נאָך האָבען מיר אַזאַ יוגענד, נאָך איז אונז איבערגעבליבען אַ „שארית-הפליטה" פון אונזער אַמאָליגען כח און גייסט. פון מזרח און פון מערב, פון צפון און פון דרום, קומען זיי, די אייניקלאַך פון די אַמאָליגע „בני ציון היקרים". דאָס פאָלק דאַרף זיי ניט זוכען. פאַרקעהרט, זיי זוכען דאָס פאָלק... אין אַלע עקען פון אונזער גלות, אין אַלע לענדער, און באַזונדערס, גראָד באַזונדערס, אין די אימה־חשכה־לענדער, מאָביליזירען זיך זעלבסט גרויסע מחנות אידישע העלדען, אידישע אַרבייטער, אידישע יוגענד. אַ גרויסער גייסט האָט זיי אַלעמען אַרומגענומען און זיי אַלעמען

באַלעבט. אַ גרויסע באַוועגונג איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסען אָהן אַ פּאַר־זעער... די חלוצים באַוועגונג!

---

# ב.

# די ארגאניזאציע „החלוץ".

אָבער די חלוצים זענען צוזעעט און צושפּרייט אין דער גאַנצער וועלט. וואו איז די האַנד וואָס זאָל זיי צונויפזאַמלען, זיי אָרגאַניזירען, און שאַפען פון זיי אַ כח פון אַ קבוץ, אַ גאַנצען כלל?

אויך די ראָזיגע אַרבייט האָבען די חלוצים זעלבסט אויף זיך גענומען, און זייער ערשטע קאָנקרעטע טהאַט איז געווען — דער איבערגאַנג פון דער חלוצים-באַוועגונג צו אַ חלוצים-אָרגאַניזאַציע, צו אַ קבוץ־כחות, צו אַנ'אָרגאַניזירטער אַ־בייט לויט פעסטגעשטעלטע פראָגראַמען און לויט אַ גוט אויסגערעכענטען מאַרשרוט.

אין אַלע גרעסערע און קלענערע אידישע צענטערס זענען געגרינדעט געוואָרען „מרכזים" פון דער אָרגאַניזאַציע „החלוץ", אין פּוילין, אין ליטע, ווייס־רוסלאַנד, לאַטוויע, אוקראַינע, סאָוועט־רוסלאַנד און קאַווקאַז; אין גאַליציע, רומעניע, בוקאָווינע, עסטרייך, טשעכאָ-סלאָוואַקיע, דייטשלאַנד, האָלאַנד, אַמעריקאַ. אויף אַלגעמיינע גרויסע החלוץ-קאָנפערענצען (ווי די גרויסע „ועידות החלוץ" אין ליטע, אין פוילען, די קאָנפערענץ פון די אוקראַינער קבוצות־חלוצים און די אַל־רוסישע חלוצים־קאָנפערענץ אין חאַרקאָוו) זענען פעסטגעשטעלט געוואָרען די עקרים פון דער אָרגאַניזאַציע און אויסגעאַ־בייט געוואָרען ענטוזיאַסטישע, אָבער פּראַקטישע, פּראָגראַמען. סאָלידאַריטעט און דיסציפּלין זענען איינגעפיהרט געוואָרען פון'ם ערשטען טאָג אָן, אַנ'אינטימע און אויפקלערענדע פאַרבינדונג איז געשאַפען געוואָרען צווישען די צושטרויטע גרופּעס. אייניגע פון די „מרכזי החלוץ" האָבען אָנגעהויבען אַרויסגעבען צייטשריפטען (ווי די צייטשריפט „החלוץ" אין וואַרשא, „על המשמר" אין קאָוונע, און אַזוי ו.). ספּעציעלע קולטור-קאָמיטעטען זענען געשאַפען געוואָרען פאַר דער נאַציאָנאַלער און פּראַקטיש-וויסענשאַפטליכער אויסבילדונג פון די חלוצים, באַזונדערס אין דער העברעאישער שפּראַך און קענטניסען בנוגע ארץ־ישראל. אַ סאָציאַלער, פעסט-אָרגאַניזירטער יונגער אידישער קבוץ פאַר ארץ־ישראל האָט זיך אויסגעבילדעט נאָך אונטערוועגס. קיינער צווינגט ניט, קיינער באַפעהלט ניט, און דער היל וואַקסט און אָרגאַניזירט זיך זעלבסט פון טאָג צו טאָג.

דער אויפבוי פון א"י איז אונמעגליך אָהן אַרבייט־דיסציפּלין און אָהן

אַ־ביט־איינינקייט. אָבער גאַנץ באַזונדערס איז אַ פאַראייניגטע פּלאַט־פאָ־מע נויטיג פאַר דער צוגרייטונג און מאָביליזירונג אין גלות. די אָרגאַניזאַציע „החלוץ" איז די ערשטע צוגרייטונגס־שולע פאַר אַלע חלוצים, פאַר אַלע אַרבייטער־עלעמענטען וואָס ווילען בויען א"י. די אָרגאַניזאַציע שאַפט צווישען זיי אַ נאַציאָנאַלע און ברידערליכע אַרבייטער־סאָלידאַ־יטעט און פאַרקניפּט זיי צו איין שטאַרקען אַרבייטער־כח און צו איין פאַמיליע — משפחת עובדים.

אָט די ערשטע קאָנקרעטע טהאַט האָט באַלד נאָך זיך געצויגען אַנ'ערשיינונג פון דער גרעסטער וויכטיגקייט: די פאַרבינדונג פון דער אָרגאַניזאַציע „החלוץ" אין גלות מיט דער אַרבייטערשאַפט אין א"י. די פאַרבינדונג, דורך אָנווייזונגען, באַלעהרונגען, אינפאָרמאַציע, און דער־גלייכען, איז, און וועט אין דער צוקונפט נאָך מעהר זיין, איינער פון די גרעסטע פאַקטאָ־ען פונ'ם בנין א"י, פון דער אויסאַרבייטונג און ענטוויקלונג פון דעם אידישען אַ־בייטער־שטאַנד אין א"י און פון דער אויפבויאונג פון דעם ניי־געשאַפענעם אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען בכלל.

דער צווייטער וויכטיגער שריט איז געווען די אָרגאַניזאַטאָרישע פאַרבינדונג פון די „החלוץ"־פאַרבאַנדען פון אַלע לענדער. ביי דעם ציוניסטישען קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד האָבען זיך פאַרזאַמעלט פאַרטרעטער פון פאַרשידענע החלוץ־צענטערים און געלעגט דעם ווינקעלשטיין פאַר דער פאַראייניגונג. אַלס אַ רעזולטאַט פון אָט דער החלוץ־קאָנפערענץ איז געשאַפען געוואָרען אין וויען אַ צייטווייליגער קאָמיטעט אַלס צענטער פון דער אַלוועלטליכער החלוץ־אָרגאַניזאַציע מיט'ן צוועק: א) צו פאַרשטאַרקען די חלוצים באַוועגונג; ב) צוצופאַסען די צוגרייטונגס־אַרבייט פון די חלוצים אין גלות צו די באַדערפנישען פון דער אויפבוי־אַרבייט אין א"י; ג) צו פאַררופען אַנ'אַלוועלטליכע החלוץ־קאָנפערענץ כדי אויסצואַרבייטען די באַנייטע קאָנסטיטוציע פון דער החלוץ־אָרגאַניזאַציע, און ד) צו אָרגאַניזירען די עלית־חלוצים קיין א"י.

---

ג.

## די צוגרייטונג פון חלוצים.

די וויכטיגסטע קאָנקרעטע טהאַט פון דער חלוצים־באַוועגונג איז די אַ ר ב י י ט, די פּראַקטישע צוגרייטונג הויפּטזעכליך צו לאַנדווירטשאַפט־ליכער אַרבייט, די ערלערנונג און איבונג פון פאַרשידענע אַרבייטען און אַלערליי מלאכות.

די צוגרייטונגס־אַרבייט איז פאַר די חלוצים געוואָרען אַ שולע ניט

בלויז וואו זיי לערנען אַרבייט נאָר אויך וואו זיי לערנען געדולד, כח צו לײדען, צו אַרבייטען אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, צו זוכען די אַרבייטס-מעגליכקייטען, און דער עקר — אָנצוהאַלטען. די חלוצים האָבען געזוונטע הענד, אָבער לעדיגע הענד... צו אָרגאַניזירען פֿאַרמעס, חלוצים־פֿאַרמעס, אין פֿאַרשידענע ערטער, צו שאַפֿען שולען פֿאַר ער־לערנונג פֿון אַלערליי מלאכות, צו בילדען פֿאַרשידענע אַרבייטער־קאָאָפּעראַטיוון, צו אונטערנעמען אַרבייט ביי ארבייט־געבער, פּריוואַטע און געזעלשאַפֿטליכע — דאָס אַלץ פֿאָדערט מיטלען, אַ זאַך וואָס די חלוצים באַזיצען לחלוטין ניט. דאָ און דאָרט האָבען זיך געפֿונען לאָקאַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי אין פּוילין און ליטע, אָדער גאָר פֿאַר־איינצעלטע אידישע קהלות, ווי אין גראָדנע, וואָס האָבען געהאָלפֿען די חלוצים ביי דער אָרגאַניזירונג פֿון דער צוגרייטונגס-אַרבייט, אָבער די זענען טראָפּענס אין ים, און די חלוצים מוזען מיט לעדיגע הענד זיך דערשלאָגען צו אַרבייט, פּונקט ווי זיי מוזען דערנאָך ערגעץ אויסגראָבען אויף הוצאות צו פֿאָהרען קיין א"י...

זעלבסטפֿאַרשטענדליך אַז אונטער אַזעלכע באַדינגונגען האָט זיך נאָך דערווייל ניט איינגעגעבען צו שאַפֿען אַ געהעריגע טעטיגקייט נאָך דעם נעווינשטען מאַסשטאַב פֿאַר דער אויסבילדונג און צוגרייטונג פֿון חלוצים אין אַלע לענדער, אָבער אורטיילענדיג נאָך דער ביטערער ווירקליכקייט אין וועלכער די חלוצים אַרבייטען אין גלות — די קאַלטע אַטמאָספֿערע, די אידישע אינדיפֿערענץ, וואָס רינגעלט זיי אַרום — וועט דער כראָניקער מוזען מודה זיין, אַז די חלוצים האָבען אויך אויף דעם געביט שוין אַסך געשאַפֿען.

איינִיגע ציפֿערן וועלען גענוג זיין אַלס אַ ביישפּיל פֿאַר'ן לעזער:

א) שוין אין דעצעמבער 1917, אינ'ם סאַמע מיטען שטורם פֿון דער גרויסער איבערקערעניש אין רוסלאַנד, איז געלעגט געוואָרען אין פּעטראָגראַד דער ערשטער ווינקעלשטיין פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון אַ חלוצים-פֿאַרמע מיט'ן צוועק צו געבען אין אַ קורצער צייט פּראַקטישע אויסביל־דונג אין לאַנדווירטשאַפֿט צו די וואָס גרייטען זיך צו פֿאָהרען קיין א"י. אָדעס, וואו די פֿאַרמע האָט געזאָלט געגרינדעט ווערען, איז אָבגעריסען געוואָ־ען פֿון פּעטראָגראַד, און האָט ניט געהאַט קיין פֿאַרבינדונג מיט'ן צענטער, וואָס וואָלט זי געדאַרפֿט באַזאָרגען מיט געלד-מיטלען. די ידיעות וועגען דער פֿאַרמע, וואָס האָבען זיך פֿאַרשפּרייט אין דער געגענד, האָבען געבראַכט קיין אָדעס אַ שטראָם חלוצים און סתם אידישע יונגע לייט. געלד, געצייג, דירות, זענען ניט געווען — דאָך האָט זיך די אַרבייט אָנגעהויבען אויף אַ פּלאַץ פֿון 10 דיסיאַטין ערד, וואָס איז אָבגעדונגען

געוואָרען נעבען אָדעס. אין דער פֿאַרמע זענען אָנגעקומען אַנ׳ערך 130 מענשען און פֿון זיי זענען איבערגעבליבען אין אַ האַלב יאָהר אַרום אַנ׳ערך 60, אַ גרויסער טהייל פֿרויען, און ניט קוקענדיג אויף די האַרטע באַדינגונגען האָט זי שוין נאָך דעם ערשטען האַלב יאָהר ארויסגעגעבען איינינע צעהנדליג גוטע לאַנדווירטשאַפֿטליכע אַרבייטער פֿאַר א״י, און שוין דעמאָלט האָבען די חלוצים דאָרט געגרינדעט איינינע אַרבייטער־קאָאָפּעראַטיווען אלס צוגרייטונג פֿאַר זעלבסטשטענדיגער אַרבייט אין ארץ־ישראל.

ב) אין פּוילין האָבען שוין אין יאָהר תרע״ט עקזיסטירט חלוצים־פֿאַרמעס אין אַ גרויסער צאָהל ערטער, אין פֿיעל ערטער האָבען זיי איינגעאָרדנעט גרינס-גערטנער און בעאַרבייטעט פֿרוכט-גערטנער, און אין יאָהר תר״פ האָט דער צענטראַל קאָמיטעט פֿונ׳ם „החלוץ" אין פוילין געגרינדעט אַ לאַנדווירטשאַפֿטליכע פֿאַרמע פֿאַר חלוצים אין גרוכאָוו נעבען וואַרשא אויף אַ שטח פֿון 136 דונאַם ערד פֿון דער וואַרשאָווער אידישער קהלה. אין יאָהר 1921 האָבען זיי אָבגעדונגען נאָך אַזאַ שטח און איצט האָט די פֿאַרמע 272 דונאַם. נעבען דער פֿאַרמע איז אין יאָהר 1920 געגרינדעט געוואָרען אַ בית־חלוצים פֿאַר די חלוצים פֿון רוסלאַנד און אוקראַינע, וואָס שטעלען זיך אָב אין פוילין אויפֿ׳ן וועג קיין א״י. איבער 150 חלוצים פֿלעגען דאָ־ט זיך אויפֿהאַלטען און האָבען דאָרט באַקומען זייער שפּייז. נעבען דער פֿאַרמע זענען געגרינדעט געוואָרען אויך לאַנדווירטשאַפֿטליכע קורסען. דער אינווענטאר פֿון דער פֿאַרמע איז איצט: וואוינונגען, אַ פֿערד-שטאַל, אַ בהמות-שטאַל, אַ שפּייכלער פֿאַר תבואָה, 3 פֿערד, 5 בהמות, הינער און גענז, 4 וואָגענס, אַ גרויסע זעע־מאַשין און אַלע אַרבייט־אינסטרומענטען, ווי קיך־זאַכען, פֿאַר 60 מענשען.

אין יאָהר תרפ״א האָט דער פוילישער „החלוץ" באַזעסען 5 פֿאַרמעס (אין גרוכאָיו, כאַנישעוו, גראָדנע, בענדין און גרושטשין), 3 גערטנער (פינסק, וולאַטשלעווק, פראָשקע), 5 סטאָליערייען (ביאַליסטאָק, ביעלסק, גראָדנע, לאָדז), 7 שלאָסערייען (פינסק, קונין, לאָמזע), און 2 קאָרב־פֿלעכטערייען. אין דיזע אינסטיטוציעס אַ־בייטען 550 חלוצים. 22 אַגודות האָבען איינגעאָ־דנעט העברעאישע קורסען, באַזוכט פֿון 763 חברים; 9 אַגודות — קורסען פֿאַ־ פּאַלעסטינע־וויסענשאַפֿטען, באַזוכט פֿון 252 חברים, און אויך קו־סען פֿאַר געשיכטע זענען איינגעאָרדנעט געוואָ־ען. פוילין ציילט איצט 94 אַגודות חלוצים און לויט די ידיעות פֿון 48 אַגודות ציילען זיי 2,023 חברים פֿון וועלכע די גרויסע מעהרהייט אַר־בייטען אין פֿאַרשידענע פֿעכע־ (פֿון זיי 462 ערד־אַ־בייטער). די מייסטע חברים זענען אינ׳ם עלטער פֿון פֿאַר 20 ביז 25 יאָהר.

אין וואַרשא האָט דער „החלוץ" געהאַט אָבגעדונגען דעם אידישען קהלה גאָרטען. אין בריסק האָט זיך דורך דער איניציאַטיווע פֿונ'ם החלוץ געגרינדעט אַנ'אַרבייטס־שולע (דורך מאַנגעל אין מיטלען — צום אָנהויב בלויז איין אָבטיילונג פֿאַר סטאָליערײַ) וואו ס'האָט געלערנט אַ קבוצה חלוצים וואָס האָט שוין געקענט לאַנד אַרבייט פֿון פֿריהער. אין יאָהר תרע"ט האָבען די פֿאָרטרעטער פֿון דער אידישער קהלה אין גראָדנע, לויט דער איניציאַטיווע פֿונ'ם החלוץ, אָבגעדונגען אַ גרויסען גאָרטען הינטערן שטאָדט, אין סלאָבאָדקע, און איבערגעגעבען אַ גרופּע חלוצים. זייער געהאַלט האָבען זיי ערהאַלטען פֿונ'ם קהלה־קאָמיטעט. דער ערפֿאָלג פֿון די חלוצים אין גאָרטען־אַרבייט האָט געווירקט אויף פּריוואַטע גוט־באַזיצער או זיי האָבען אָנגעהויבען באַשעפֿטיגען די חלוצים־רענעלמעסיג אין לאַנדווירטשאַפֿטליכע אַרבייטען. פֿון אַרומיגע שטעדטלאַך האָבען זיך געלאָזען קיין גראָדנע קרעפֿטיגע יונגע מענער און פּרויען זיך צוווידמען דער ערד־אַרבייט. זיי האָבען איבערגענומען נאָך פֿאַרשידענע אַנדערע אונטערנעהמונגען, אַ מילך־פֿאַרמע, טאַבאַק־צוכט, און דערגלייכען. אין אַ משך פֿון 6 חדשים איז די קבוצה חלוצים אין גראָדנע געוואָרען דער „לעבעדיגער גייסט" פֿון דער גאַנצער אידישער פֿאַרשלאָפֿענער באַפֿעל־קערונג אין שטאָדט.

די „החלוץ פֿאַרמע אין גראָדנע איז באַקאַנט אין דער גאַנצער סביבה מיט איהרע שענע פּרוכטען. דעם לעצטען יאָהר האָט די פֿאַרמע געגעבען ביז 2 מיליאָן מארק ריוח, וועלכער איז פֿאַנאַנדערגעטיילט געוואָרען צווישען די אַרבייטער־חלוצים אויף הוצאות־הדרך קיין ארץ־ישראל.

ג) אין ליטע האָבען זיך די קבוצות חלוצים באַשעפֿטיגט מיט פּראַקטישער פֿעלד־אַרבייט שוין אין זומער תרע"ט. איינינע חבורות האָבען איבערגענומען צו בעאַרבייטען שטחים פֿון דער קהלה־ ערד. אין פֿאַרשי־דענע ערטער האָבען די חלוצים געאַרבייט אויפֿ'ן טאָג אַלערליי ווירט־שאַפֿטליכע אַרבייטען.

אין ווילנע זענען געמאַכט געוואָרען פֿאַרשידענע ווירטשאַפֿטס־פּראָבעס, איינגעאָרדנעט געוואָרען מילכערייען, און טעכנישע קורסען פֿאַר האַנדווערקער. די מייסטע חברים האָבען געאַרבייט אין פֿעלד, און אין איינינע ערטער צוזאַמען מיט די חלוצות.

אין ווינטער תרפ"א האָט אַ קבוצה פֿון 50 חלוצים געאַרבייט אונ־טער די שווערסטע באַדינגונגען אין אַ וואַלד נעבען ווילנע. אָט די קבוצה האָט געדינט אַלס אַ קערן פֿאַר ווירטשאַפֿטליכע קבוצות וואָס האָבען זיך צום זומער געגרינדעט. באַזונדערס ענערגיש האָט זיך דער „החלוץ" אין ליטע גענומען צו דער לאַנדווירטשאַפֿטליכער קאָאָפּעראַציע. דער־

קאָאָפּעראַטיוו „כבוש" נעבען קיידאַן באַזיצט 134 דיסיאַטין ערד, אַ שטיינערן-הויז, שטאַלען און שפּייכלער; 20 פערד, 20 בהמות, 80 שעפּסען און עופות; 8 וואָגענס, 8 שליטענס, אַקערס, שנייד-מאַשינען און אַלע נויטיגע אינסטרומענטען. אַ חוץ דעם זענען געגרינדעט געוואָרען 2 סטאָליערײ-קאָאָפּעראַטיווען („עמל" און „עבודה", אין איינעם פון זיי אַנ'אָבטיילונג פאַר הייזער בוי). אין קאָוונע האָט זיך געגרינדעט אַ קאָאָפּעריטיוו „מחט" פאַר חלוצות, אין אַ שטעדטעל נעבען קאָוונע — אַ קאָאָפּעראַטיווע קאָנפעקטען-פאַבריק „דבשיה". אין קאָוונע האָבען די חלוצים אַנ'אייגענעם „בית החלוץ". אַ סך סטודענטען האָבען אַוועקגעוואָרפען זייערע סטודיעס און זיך גענומען צו חלוצים-אַרבייט.

ד) קבוצות „החלוץ" האָבען מיט פולער ענערגיע געאַרבייט אין סאָוויעט-רוסלאַנד, אין סאַראַטאָוו, קורסק, קאַזאַן, אורשע, און אַנדערע שטעדט. אין קאַזאַן האָט דער החלוץ איבער-גענומען פון דער שטאָדט-אַדמיניסטראַציע אַ שטח ערד צו בעאַרבייטען. אויך נעבען אורשע האָט דער החלוץ איבערגענומען אַ שטח ערד פון דער סאָוויעט-רעגירונג. נעבען באַטום אַרבייט אַ גרויסע קבוצה חלוצים אין גערטנער און וויין-גערטנער.

אין וויטעבסק, מאָהילעוו און אַנדערע גרויסע אידישע שטעדט זענען געגרינדעט געוואָרען נאָך אין יאָהר תרע"ט קורסען און פאַרמעס פאַר ערד-אַרבייט אין אַ גרויסער צאָהל.

דער צענטער פונ'ם החלוץ אין מינסק האָט אויפגעטוהן אויפ'ן געביט פון חלוצים-צוגרייטונג אַ סך וויכטיגע אַרבייטען. אַ סך לאָקאַלע גרופּעס האָבען אָרגאַניזירט ארטעלען, קאָמונעס, און גאָרטען-ווירטשאַפטען אין זייערע ערטער און געאַרבייט אויפ'ן פעלד. דער צענטער אין מינסק האָט געמאַכט פּראָבעס צו גרינדען אַ גרויסע פערמע אין אָרלאָווער גובערניע פאַר 200 חלוצים און האָבען שוין אַהין געשיקט אַ פערטרעטער פון דער מאָסקווער ביוראָ, אַ ספּעציעלען אַגראָנאָם-אינסטרוקטאָר, אָבער די אויסערע אומשטענדען האָבען געשטערט די אַרבייט. דערפאַר האָט דער מינסקער צענטער איינגעאָרדנעט אַ סך חלוצים אויף לאַנד-אַרבייט אין קרים. אין אַ פערמע אין סימפעראָפאָל זענען אָנגעשטעלט געוואָרען חלוצים פון פאַרשידענע ערטער (מינסק, טולע, נאָוויל, קיעוו, זלאווין, קוזלאָיו), אונטער דער אָרגאַניזירענדער לייטונג פון אַ מיטגליעד פון מינסקער צענטער. גלייכצייטיג האָט דער החלוץ געעפענט אין מינסק קורסען פאַר פאַרשידענע למודים וועגען א"י און אידישער עקאָנאָמיע, אויף אַ ברייטען מאַסשטאַב. די רעפעראַטען זענען צושיקט געוואָרען גע-דרוקטע אין אַלע ערטער.

באַזונדערס האָבען זיך ענטוויקעלט אין סאָוויעט-רוסלאַנד און אוקראַינע די לאַנדווירטשאַפּטליכע קאָאָפּעראַטיווען. אין האָמלער גובערניע געפּינען זיך 15 אַזעלכע קאָאָפּעראַטיווען, אין פּעטראָגראַד — 1, באַקו — 1, ניקאָלייעוו — 7, אָדעס — 8, חאַרקאָוו — 4, קיעוו — 3, ראַסטאָוו — 2, טורקעסטאַן — 2, וויטעבסק — 4, און סאַראַטאָוו — 2 (איינע פּון די סאַראַטאָווער קבוצות איז די באַריהמט-געוואָרענע קבוצה „משמר הולגה", וואָס עקזיסטירט שוין דריי מיט אַ האַלב יאָהר. זי האָט זיך אַזוי גלענצענד אויסגעצייכענט מיט איהר ארבייט אַז די רעגירונג האָט זיי אַנערקענט אַלס עקסטראַ אויסגעצייכענטע אַרבייטער. אַ טהייל פּון דער קבוצה איז פּאַר אַ יאָהרען אַריבער קיין קאַווקאַז כדי זיך צוגעוועהנען מיט דעם קלימאַט וואָס איז עהנליך צו דעם ארץ־ישראל'דיגען קלימאַט. זיי האָבען פּון דאָרט ניט געקענט אַריבער קיין א"י און האָבען זיך געמוזט אומקעהרען קיין סאַראַטאָוו. אַ טהייל פּון זיי געפּינט זיך איצט אין ליטע אויפּ'ן וועג קיין א"י. די קבוצה צעהלט 50 חברים).

די קבוצות זענען אַזוי אָרגאַניזירט, אַז ווען אַ טהייל פּון אַ קבוצה פּאָהרט אָב קיין א"י מוז דער איבעריגער טהייל זוכען נייע חברים כדי די קבוצה זאָל שטענדיג בלייבען אַ גאַנצע. יעדע קבוצה צעהלט אַנ'ערך 50 חברים.

אין די אידישע קאָלאָניעס אין חערסאָנער און יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניעס אַרבייטען אנ'ערך 300 מאַן אַלס חלוצים. אין אוקראַינע אַרבייטען אַנ'ערך 1,000 חלוצים שטאָדטישע אַרבייטען אַלס אַ צוגרייטונג פּאַר א"י.

ה) אין ל א ט ו ו י ע האָבען זיך צוריק מיט אַ האַלב יאָהר געפּונען אַנ'ערך 500 חלוצים. 60% אַרבייטען אין פּאַרשידענע פּעכער, 25% אין לאַנדווירטשאַפּט (אַרום ריגע, דווינסק, און אַרום רעיועל, עסטלאַנד).

ו) אין מ ז ר ח - ג א ל י צ י ע האָבען שוין צוריק מיט איבער צוויי יאָהר די מייסטע חברים פּון דער חלוצים-אָרגאַניזאַציע (וואָס האָט דעמאָלט געצעהלט איבער 500 חלוצים) זיך באַשעפּטיגט מיט לאַנדווירטשאַפּטליכער אַרבייט ביי פּריוואַטע גוט-באַזיצער, אידישע און ניט-אידישע. עס זענען דאָרט געמאַכט געוואָרען אַ סך פּראָבען צו אָרגאַניזירען האַנדווערקער-קאָאָפּעראַטיווען.

ז) אין ע ס ט ר י י ך געפּינען זיך איצט 5 לאַנדווירטשאַפּטליכע גרופּעס אַרום וויען, אַ גרופּע עלעקטראָ-טעכניקער, אַ גרופּע טעלעגראַפּיסטען. דער אַלגעמיינער צייטווייליגער החלוץ-צענטער אין וויען האָט זיך גענומען צו דער עראָבערונג פּון פּאַרשידענע נייע אַרבייט-פּעכער פּאַר חלוצים, ווי פּאַרשידענע שטאָדטישע אינדוסטריעלע אַרבייטען. אין וויען און אין

דייטשלאַנד (רהיינלאַנד) אָרגאַניזירען זיך הייזערבוי־קבוצות, און שוין זענ׳ען אַ סך וואַנדערער-חלוצים אָבגעפאָהרען אין פאַרשידענע ערטער זיך צו באַשעפטיגען מיט בוי-אַרבייט. גרופּעס חלוצים ווערען דאָרט אָרגאַניזירט אין שטאָדטישע אינדוסטריעלע אַרבייטען, ווי פאַרריכטען מאַשינען און דערגלייכען, און לויט דער איניציאַטיווע פון׳ם וויענער צענטער הויבט זיך אָן די זעלבע אַרבייט אויך אין אַנדערע לענדער, און די עראָבערונג פון אַלערליי צווייגען פון אַרבייט איז געוואָרען איינער פון די הויפּט-יסודות פון דער החלוץ-אָרגאַניזאַציע.

ח) אין דייטשלאַנד האָט זיך אָנהויב 1917 אין דער נאַציאָנאַלער אידישער יוגענד אויפגעהויבען אַ באַוועגונג פאַר אַ פאַכמענישער ערציהונג פאַר א״י. אינ׳ם משך פון 2 יאָהר האָבען געלערנט אין דייטשלאַנד אַנ׳ערך 200 אידישע יונגע פרויען און אַנ׳ערך 100 יונגע מענער אַרבייטען אין פעלד און גאָרטען. אַ חוץ דיזע זענען מיט הילף פון דעם אידישען אַרבייטס-אַמט אין דייטשלאַנד איינגעאָרדנעט געוואָרען אַנ׳ערך 500 אידישע אַרבייטער אין לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבייטען אויף פאַרשידענע לעהר-פאַרמעס, אידישע און ניט-אידישע.

דער „בונד פון ציוניסטישע פראַקטיקאַנטען" אין דייטשלאַנד האָט שוין אַ סך אויפגעטהון אייף דעם געביט פון צוגרייטונגס-אַרבייט, באַזונדערס אין לאַנדווירטשאַפט. אין וועסטפאַליע (רהיינלאַנד) וואו ס׳אַרבייטען אַנ׳ערך 20,000 מזרח-אייראָפּעאישע אידען בערג־אַרבייט און אַנדערע אַרבייטען, געפינען זיך אַ צוויי טויזענד אידישע אַרבייטער וואָס גרייטען זיך פאַר א״י און ווערען איצט אָרגאַניזירט אַלס אויסגעשפּראָכענע חלוצים.

ט) צוגרייטונגס-אַרבייט פון חלוצים געהט אָן אין פאַרשידענע אַנדערע לענדער, ווי בולגאַריע, האָלאַנד, א. אַ. וו. באַזונדערס איז אויף דעם געביט אַ סך געשאַפען געוואָרען אין טשעכאָ-סלאָוואַקיע, וואו ס׳האָט זיך געגרינדעט אַ „חלוץ-פאַרבאַנד" אין פריהלינג 1921.

י) אין אַמעריקא איז, אַ חוץ קלענערע צוגרייטונגס-אַרבייט פון חלוצים זעלבסט, געשאַפען געוואָרען אַ גרויסע און אויסערסטטוויכטיגע אונטערנעמונג פאַר די חלוצים און פאַר דער אַרבייט אין א״י גופא: דער געצייג־קאַמפּיין פון דעם פלשתינא-אַרבייטער-פאָנד אין אַמעריקא וואָס די דאָרטיגע פועלי-ציון האָבען מיט׳ן גרעסטען אייפער דורכגעפיהרט, און פיהרען איהם נאָך דורך, פאַר דער שאַפונג פון אַלערליי אַרבייט-מאַשינען און געצייג פאַר די אַרבייטער אין א״י.

די ציפערן זענען ניט פולשטענדיג, אָבער אויך די וועניגע ציפערן זענען גענוג אונז צו איבערצייגען ווי אַרבייטס-דורשטיג און אַרבייטס-

לוסטיג די חלוצים גרייטען זיך צו פֿאַר דעם ג־ויסען מאָמענט ווען זיי וועלען קענען בויען א־ץ-ישראל. אַזאַ צוגרייטונג, מיט׳ן גוף און מיט דער נשמה, האָט נאָך קיין אידישע באַוועגונג ניט געמאַכט.

* * *

די דריטע קאָנקרעטע טהאַט פֿון דער חלוצים-באַוועגונג איז גלייך פֿון אָנהויב געווען — די עליה זעלבסט, דער טריאומף־צוג פֿון די חלוצים קיין ארץ-ישראל...

און אונזער מזל האָט גורם געווען, אַז גראָד דיזע דריטע טהאַט, וואָס וואָלט געדאַרפֿט זיין די גרעסטע, די פֿריידיגסטע און די ליכטיגסטע — איז געוואָרען די שווערסטע פּראָבלעמע פֿאַר די חלוצים, די ביטערסטע ערפֿאַהרונג, די גרויזאַמסטע ערשיינונג.

אָבער כדי צו האָבען אַ בעגריף פֿון דער טרויעריגער וואַנדערונג וואָס טראָגט דעם ליכטיגען שטאָלצען נאָמען „עלית חלוצים", און כדי צו פֿאַרשטעהן אונפּאַרטייאיש די אמת׳ע סבות וואָס האָבען זי געמאַכט טרויעריג, מוזען מיר פֿריהער זעהן וואָס טוען אין א"י די-יעניגע טויזענדער חלוצים וואָס האָבען נאָך די גרעסטע ענוים קשים ענדליך זוכה געווען צו שטעלען דעם מיעדען פֿוס אויף דעם לאַנד פֿון רוה...

---

ד.

# די חלוצים אין ארץ-ישראל.

אויף דעם לאַנד פֿון רוה!... פֿאַר די חלוצים איז א"י דערוויַיל אַ לאַנד פֿון שווערער אַרבייט. אָבער גראָד די שווערע אַרבייט הייסט רוה פֿאַר אונזערע חלוצים. אונרוהיג ווערען זיי ווען ס׳איז ניטאָ קיין אַרבייט.

ערד און אַרבייט! דאָס איז די לאָזונג וואָס דער חלוץ האָט נאָך אויסגערופֿען אין גלות, און דאָס איז די שווערסטע פּראָבלעמע פֿונ׳ם חלוץ אין א"י.

פֿונ׳ם ערשטען טאָג אָן וואָס די חלוצים זענען אַריין אין די האַפֿענס פֿון יפו און חיפה האָבען זיי זיך באַלד אָנגעהויבען ראַנגלען מיט דער ביטערער פֿראַגע: וואו געפֿינט מען אַרבייט? בעאַרבייטען די ערד? אָבער צו קויפֿען גענוג ערד פֿאַר קאָלאָניזירונג דורך טויזענדער און אבער־טויזענדער חלוצים מוז מען דאָך האָבען גרויסע קאַפּיטאַלען, און אַזעלכע קאַפּיטאַלען האָט נאָך דאָס פֿאָלק ניט אַריינגעטראָגען. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז דער צענטראַלער קאָלאָניזאַציע אָרגאַן פֿון א"י, קעמפֿט מיט איהרע קליינע מיטלען אין אַלע ריכטונגען, אָבער קליינע מיטלען קענען ניט שאַפֿען קיין גרויסע קאָלאָניזאַציע. עפֿענטליכע אַרביי־

טען? באַוואַסערונג, אויס־יײַניגען די בלאָטעס, אויסנוצען די וואַסער־קראַפֿט, באַוואַלדונג, בויען הייזער, שטעדט און דערפֿער, שאָסעען, בריקען, האַפֿענס, און אַלע אַנדערע עפֿענטליכע אַרבייטען וואָס דאַרפֿען בויען דאָס לאַנד? אָבער ווער זאָל די אַלע אונטערנעמונגען פֿינאַנסירען, ווער זאָל די אַרבייטען געבען? דער ישוב אין א"י איז קליין און אָרים, דער בודושעט פֿון דער א"י-רעגירונג איז ניט קיין ספּעציפֿיש אידישער, און אַנ'אָ־ימער. אַלץ דאַרף ערשט געשאַפֿען ווערען, אפילו הייזער פֿאַר נייַ־אָנגעקומענע דאַרף מען ערשט בויען, די חלוצים קומען אָן אויסגעמאַטערט פֿון זייערע „דאָן-קיכאָט" רייזען, וואָס זאָלען זיי טהון? וואו זאָלען זיי זיך אַהינטהון?

אָבער די חלוצים זענען ניט אָנגעקומען אין דער פֿרעמד, זיי זענען געקומען אהיים, ווען דערוויל ניט אין אַ נאַציאָנאַלער היים, איז לכה"פ אין אַרבייטער-היים. זיי האָבען געפֿונען דאָרט אַ געבענשטע מוטער, וואָס האָט זיי אַלע אויפֿגענומען אין איהר אָרים הויז — די אַרבייטערשאַפֿט אין א"י.

די פֿעסטאָרגאַניזירטע אַרבייטערשאַפֿט אין ארץ-ישראל, וואָס האָט מיט איהר איינציגען „קריגעל בוימעל" שוין געוויזען אַזוי פֿיעל נסים — האָט אויך דאָס מאָל געוויזען אַ גרויסען נס. זי איז ניט נאָר מקבל פנים די נייַ־אָנגעקומענע מיט איבערגעבענער זאָרג און מיה, נאָר האָט אויך געשאַפֿען אַרבייט, כשר'ע און אויפֿבויענדע ארבייט, פֿאַר טויזענדער חלוצים און חלוצות.

אמת, קיין קאַפּיטאַלען אויף קויפֿען נייע שטחים ערד האָט די אַר־בייטערשאַפֿט ניט. דער גרויסער אידעאַל פֿון די חלוצים צו בעאַרבייטען די ערד אין א"י, האָט נאָך ניט געקענט דערפֿילט ווער־ען. בלויז אַ קליינע צאָהל פֿון זיי האָט געהאַט דאָס גליק צו געפֿינען לאַנדווירטשאַפֿטליכע אַרבייט אין די קאָלאָניעס און אין די לאַנדווירטשאַפֿטליכע קבוצות (און לעצטענס אויף דער נייער ערד וואָס דער נאַציאָנאַל פֿאָנד האָט געקויפֿט אין „עמק יזרעאל"), אָבער די חלוצים זענען געקומען גרייט צו יעדער אַרבייט ווי שווער זי זאָל ניט זיין און ווי ווייניג זי זאָל ניט צאָהלען, און די פּאַלעסטינער אַרבייטערשאַפֿט האָט אויסגעגראָבען פֿאַר זיי אַרבייטען פֿון „אונטער דער ערד"...

אָט די אַרבייטען, וואָס זענען לכתחלה איבערגענומען געוואָרען בלויז דורך דעם צוואַנג צו באַשעפֿטיגען די חלוצים, זענען אין די הענד פֿון דער פּאַלעסטינער אַרבייטערשאַפֿט און פֿון די אָנגעקומענע חלוצים געוואָרען אַ גרויסער פֿאַקטאָר פֿאַר דער איינאָרדנונג פֿון טויזענדער חלוצים און פֿאַר דעם גאַנצען בנין א"י. דאָס זענען די עפֿענטליכע אַרבייטען, וואָס די פּאַלעסטינער אַרבייטערשאַפֿט האָט אָנהויב זומער 1920 אָנגע־

הויבען איבערגענעהמען אויף איהר אייגענער אַחריות פון דער פאַלעסטינער רעגירונג. דער משרד לעבודות צבוריות, דער אַרבייטס-אַמט פון דער אַלגעמיינער אידישער אַרבייטער-אָרגאַניזאַציע, האָט באַלד געהאַט אונטער זיין פאַרוואַלטונג 2,000 אידישע חלוצים וואָס זענען שוין געשטאַנען ביי דער אַרבייט, און פאַר טויזענדער נייע חלוצים וואָס זענען געשטאַנען גרייט „צרורותם על שכמם" אין גלות האָט ער געדאַרפט זוכען און צוגרייטען נייע אַרבייטען.

די עפענטליכע אַרבייטען מיט וועלכע די חלוצים באַשעפטיגען זיך אין א"י זענען: „כבישים" (שאָסעען), אויסגלייכען גאַסען און וועגען, דרענאזש-אַרבייט, דורכלעגען אייזענבאַהן-צווייגען, א. אַז. וו. דאָס וואָרט „כבישים" קלינגט שוין איצט ווי אַן'אַלט ביבליש וואָרט פול מיט יונגען לעבען... עס איז ווי אַ נאָמען פון אַ נייער אַרבייטס-פאָעמע, וואָס ווערט געשאַפען פון אַ יונגען דור אינ'ם אַלטען לאַנד. אפשר וועלען די אור-אייניקלאַך פון אונזערע היינטיגע חלוצים אַמאָל זינגען דאָס וואָרט בחרדת קדש — אָבער דער אינהאַלט פון וואָרט איז זעהר אַ שווערער, שווער ווי די שטיינער וואָס די חלוצים רייסען און שלאָגען בויענדיג שאָסעען אויפ'ן כרמל, ביי טבריה, ביי יבנה, ביי ראש-אל-עין, ביי זכרון יעקב, און אַנדערע ערטער. אָבער פאַר די חלוצים איז בלויז שווער ביז זיי געפינען די אַרבייט, פאַר דער אַרבייט זעלבסט שרעקען זיי זיך ניט. פון מזרח-אייראָפּא קומען חלוצים — פונ'ם סמבטיון וואָס האָט אויף זיי געוואָרפען מיט פייערדיגע שטיינער... אַ סך שטיינער, גוי'אישע און אידישע, וואָס זענען זיי געלעגען אויפ'ן וועג צו זייער לאַנד, האָבען זיי אויך בייגעקומען... ווי זאָל זיי שווער זיין, די קינדער פון משה'ס פאָלק, צו שלאָגען שטיינער אין ארץ-ישראל?...

ביז'ן סוף יאָהר 1921 האָבען שוין די חלוצים דורכגעפיהרט אַ גאַנצע רייהע אַרבייטען, וואָס זיי האָבען באַקומען דורך דעם „משרד לעבודות צבוריות". עטליכע פון די אַרבייטען זענען פאַרצייכענט אין דער פאָלגענדער רשימה:

| נאָמען פון אָרט. | די אַרבייט. | איהר ווערטה. |
|---|---|---|
| טבריה-סמך | געלעגט אַ נייעם שאָסע, 13 קילאָמ. לאַנג | 40,000 פונט |
| טבריה-טבחה | רענאָווירט אַן'אַלטען שאָסע, 9 קילאָמ. | 20,000 " |
| חיפה-גי'דה | רענאָווירט אַן'אַלטען שאָסע, 18 קילאָמ. | 30,000 " |
| עפולה-נצרת | רענאָווירט אַן'אַלטען שאָסע און ברייטער געמאַכט, 10 קילאָמ. | 20,000 " |

| איהר ווערטה. | די אַרבייט. | נאָמען פֿין אָרט. |
| --- | --- | --- |
| 2,000 ″ | געבויט ביידלאַך, געגראָבען קאַנאַלען | צריפין א׳ |
| 2,000 ″ | דרענאזש-אַרבייט | יבנה |
| 8,000 ″ | דורכגעלעגט אַנ׳ אייזענבאַהן-צווייג | ראש-אל-עין |
| 6,000 ″ | דורכגעלעגט אַנ׳ אייזענבאַהן-צווייג | לוד-צריפין |
| 2,000 ″ | אויסגעגלייכט גאַסען און וועגען | צריפין ג׳ |
| 2,000 ″ | דורכגעלעגט אַ שאָסעע פֿונ׳ם באַרג ביז צו דער באַהן-סטאַנציע | זכרון יעקב |
| 1,150 ″ | געבויט אַ שאָסעע אויפ׳ן באַרג | כרמל |
| 8,000 ″ | געבוט אַ צוים אַרום דעם בית הקברות פֿון גע׳הרג׳עטע סאָלדאַטען | באר-שבע |
| 10,700 ″ | פֿאַרענדיגט אַ שאָסעע פֿון 14 קילאָמ. | ראש-פנה — טבחה |

בסך-הכל זענען דורכגעלעגט געוואָרען 75 קילאָמעטער שאָסעען, 15 קילאָמעטער באַהן, געבויט אַ בריק איבער׳ן ירדן און דורכגעפֿיהרט אַנדערע בוי-אַרבייטען; דער ווערטה פֿון אַלע אַרבייטען, אונטערגענומען אויף דער אחריות פֿון דער אַלגעמיינער אַרבייטער-אָרגאַניזאַציע און איהר משרד לעבודות צבוריות איז 240,000 פֿונט.

די אַרבייט פֿון די חלוצים האָט אַרויסגערופֿען צופֿרידענהייט מצד די אַרבייט-געבער (דער גרעסטער איז אַהער געווען די פּאַלעסטינער רעגירונג), און די חלוצים האָבען אויסגעהאַלטען זייער עפּענטליכען עקזאַמען אַלס די בעסטע בויער פֿון ארץ-ישראל.

די אידישע אַרבייטער זענען אַריינגעדרונגען אין אַ נייעם, זעהר וויכטיגען צווייג פֿון אַרבייט, און פֿאַרנומען אַ וויכטיגע פּאָזיציע אין דערווירטשאַפֿט פֿון ארץ-ישראל. דאָס איז געווען דער ערשטער רעאַלער רעזולטאַט פֿון דער עלית-חלוצים. אָבער באַלד האָבען זיך געוויזען ווייטערע רעאַלע רעזולטאַטען וואָס זענען ניט ווענינער וויכטיג פֿאַר דער גאַנצער פּראָבלעמע פֿון ישוב ובנין הארץ און פֿאַר אונזער צוקונפֿט אין לאַנד.

* * *

די חלוצים זענען געקומען אין א״י ניט בלויז צו בויען דאָס לאַנד נאָר אויך צו שאַפֿען דעם נייעם קבוץ פֿאַר׳ן אידישען פֿאָלק. און דער חלוץ האָט געוויזען אַז ער פֿאַרשטעהט דעם רוף.

אין דעם טאָג וואָס דער חלוץ קומט קיין ארץ-ישראל געהט ער פּאַקטיש אַריבער פון דער ספּעציפישער אָרגאַניזאַציע „החלוץ" אין גלות צו דער אַלגעמיינער פאַראייניגטער נייער אַרבייטערשאַפט אין א"י, די „הסתדרות-העובדים הכללית". די אַרבייטער ווערען אָרגאַניזירט לויט זייערע פאַכער, און אַזוי זענען אָרגאַניזירט געוואָרען די טויזענדער חלוצים וואָס זענען באַשעפטיגט ביי די עפענטליכע רעגירונגס-אַרבייטען אין אַ באַזונדער פאַך-אָרגאַניזאַציע, אַלס אַ צווייג פון דער לאַנדווירטשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע, וואָס געהערט צו דער פאַראייניגטער אַלגעמיינער אַרבייטער-אָרגאַניזאַציע אין א"י.

די העכסטע אינסטאַנץ פון דער אָרגאַניזאַציע איז די ק אָ נ פ ע ר ע נ ץ, וואָס באַהאַנדעלט אַלע פראַגען פון אַרבייטס-לוין, אַרבייטס-פאַרטיילונג, פאַרוואַלטונג, אָרגאַניזאַציע א. אַזוי ו. די קאָנפערענץ וועהלט דעם „אַמט פאַר עפענטליכע אַרבייטען" וואָס איז דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער אָרגאַניזאַציע. ער פאַרווירקליכט די החלטות פון דער קאָנפערענץ, פיהרט אָן די אַרבייט און איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער קאָנפערענץ. ער שטעהט אין דירעקטער שטענדיגער פאַרבינדונג מיט די אַרבייט-געבער, ווי למשל, מיט די רעגירונגס-דעפּאַרטמענטען, וואָס פיהרען דורך גרויסע אַרבייטען, מיט מוניציפּאַלע פאַרוואַלטונגען, ציוניסטישע און אַלגעמיין-אידישע קאָלאָניזאַציע-אָרגאַנען, און פּריוואַטע אַרבייט געבער. וועגען יעדער גרעסערער אַרבייט וואָס ווערט אויסגעשריבען אין לאַנד ווערט געמאָלדען אויך דעם „אַמט פאַר עפענטליכער אַרבייט" וואָס האָט זיך שוין קינה שם געוועזען אַלס גרויסער אַרבייטס-אונטערנעמער. אַ מיטגליעד פון דעם אַמט צוזאַמען מיט אַן אינזשיניער פאָרשט אויס די אַרבייטס-באַדינגונגען, שאַצט אָב די אַרבייט, שטעלט צונויף אַ פּראָיעקט פון אַ בודזשעט און שיקט איהם אַריין צום אַרבייט-געבער. באַקומענדיג די אַרבייט ווענדעט זיך דער אַמט צום „ביוראָ פאַר אַרבייט און איינוואַנדערונג" (משרד לעבודה ולעליה) וואָס איז אַן אָרגאַן פון דער אַלגעמיינער אַרבייטער-אָרגאַניזאַציע, און באַקומט פון איהם די געווינשטע צאָהל אַרבייטער. דער אָרט פון דער „מחנה" אַרבייטער ווערט באַשטימט פון אַ דאָקטאָר. די אַרבייטער וואוינען אין צעלטען וואָס די פאַרוואַלטונג שטעלט זיי צו. אין יעדען צעלט געפינען זיך 3—4 אַרבייטער. יעדער אַרבייטער באַקומט אַ בעט, בעט וועש און אַ ראַנאָזשע. די קיך איז אַ געמיינזאַמע און ווערט געפיהרט דורך אַ קיך-קאָמיסיע וואָס ווערט אויסגעקליבען פון אַלע אַרבייטער אין דעם געגעבענעם פּונקט. דעם ערשטען קרעדיט, מעבעל (אַזוי צו זאָגען), געשיר, ווי אויך אַ צעלט אין ווינטער און אַ ביידעל באַדעקט מיט ראַנאָזשעס אין זומער — באַקומט די קיך פון דער פאַרוואַלטונג בהלואה, אויף אויסצו-

צאָהלען ראַטעסוויז. אָפּט ווערט אויך איינגעאָרדנעט אַ געמיינזאַמע בע־קעריי, אַ געמיינזאַמע וועשעריי און אַמאָל אייך אַ געמיינזאַמע שניידעריי. אין גרעסערע פונקטען ווערען אויך אויפגעעפענט אָבטיילונגען פון'ם ארבייטער־קאנסום „המשביר", וואו דער אַרבייטער קען קויפען וואָס ער ברויכט, במזומן אָדער לויט אנ'אָנווייזונג פון דער אַרבייטס־פאַרוואַלטונג. די סאַניטאַרע אַרבייט פיהרט אָן די ארבייטער קראנקען־קאַסע („קופת חולים"), אין גרעסערע אַרבייטס־פּלעצער עפענט זי קראַנקען־הייזער, אין קלענערע פונקטען גרינדעט זי רפואָה־צעלטען, וואו מען באַקומט די נויטיגע מעדיקאמענטען, באַנדאַזש־מאַטעריאַלען, און כינין (יעדער אַר־בייטער באַקומט יעדען טאָג זיין פּאָרציע כינין), אַ סאַניטאַר גיט אַכטונג אויף ריינקייט און אייף וואַסער־פאַרזאָרגונג. אַ דאָקטאָר אָדער אַ פעל־שערין איז דאָ אין יעדען באַדייטענדען פונקט. יעדער אַרבייטער צאָהלט אַ פּראָפּאָרציאָנעלען קראַנקען-שטייער און אין דעם סכום געהט שוין אויך אַריין דער אָבצאָהל פאַר דעם צעלט און פאַר'ן מעבעל. די קולטור־ארבייט ווערט געפיהרט פון דער „ועדת התרבות" (קולטור-אַמט) פון דער אַלגע־מיינער אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אין יעדען פונקט אַ קולטור-קאָמיסיע, אויסגעקליבען פון אַלע אַרבייטער פון'ם פונקט. זי אָרדנעט איין קורסען און עפענט אַ ביבליאָטעק. אַרבייטער-לעהרער שיקט אַריין די ועדת-התרבות און די אַרבייטער צאָהלען אַ באַשטימטען קולטור-שטייער. אין איינגע מחנות ערשיינען אויך צייטונגען אין איין אָדער מעהר עק-סאַמפּלאַרען. אין כנרת ערשיינט אַ הומאָריסטישע צייטונג „שפיפון". דער גדוד העבודה, וואָס האָט געבויט דעם שאָסעע טבחה-טבריה, האָט אַרויסגעגעבען אין איין עקסאַמפלאַר אַ צייטונג „מחיינו". אין מגדל ער־שיינט דער „הסולל" (וואָס איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַנ'אָרגאַן פון אַלע שאָסעע-אַרבייטער, און איז אַ צייט רעדאַגירט געוואָרען פון דעם גרויסען אידישען שריפטשטעלער, וואָס איז געפאַלען אַ קרבן ביי די יפו-אונרוהען, י. ח. ברענער). פון צייט צו צייט ווערען איינגעאָרדנעט פאַר־לעזונגען, רעפעראַטען, אָוענדען, און שפּאַציר-גאַנגען.

כדי יעדער חלוץ אין יעדען אַרבייטס-צווייג און אויף יעדען אָרט זאָל מיט-טראָגען מיט פרייד זיין חלק פון דער אַלגעמיינער פאַראַנטוואָרטליכ-קייט, ווערט געמאַכט די אַרבייט ניט דורך איינצעלנע אַרבייטער, וואָס באַקומען פאַראיינצעלט זייער אַרבייט און זייער לוין, נאָר דורך ק אָ אָ פּ ע־ר אַ ט י וו ע  ג ר ו פּ ע ס, וואָס אָרגאַניזירען זיך פרייוויליג און נעהמען איבער די אחריות פון אַ באַשטימטען ארבייט-קאָלעקטיוו. אַזעלכע קאָ־לעקטיווען עקזיסטירען אין דער פאָרם פון קאָאָפּעראַטיווע „ח ב ו ר ו ת" (קליינע גרופּעס פון 40 ביז 100 אַרבייטער אין יעדערער פון זיי) און אין

דער פֿאָרם פֿון אַ גרויסען „גדוד העבודה". דער קערן פֿונ'ם גדוד איז געשאַפֿען געוואָרען פֿאַר אַ יאָהרען אויפֿ'ן כביש טבריה-סמך, און איצט צעהלט ער אַנ'ערך 700 חברים און חברות. געגרינדעט געוואָרען איז דער גדוד העבודה נאָך די ימי-הזכרון פֿון תל-חי, דער עיקר דורך די חלוצים פֿון קרים, די תלמידים פֿון יוסף טרומפעלדאָר, דעם גרינדער פֿון דער חלוצים-באַוועגונג אין רוסלאַנד, דעם טרייען פֿיהרער פֿון די היים-וואַנדערער אונטערוועגס, דעם אָנפֿיהרער פֿון די באַשיצער פֿון גליל העליון, וואָס איז געפֿאַלען אַ קרבן אין קאַמף פֿאַר אונזער לאַנד...

דאָס איז בלויז איין בילד, אַרויסגעכאַפּט פֿונ'ם אידישען קבוץ וואָס הויבט אָן בליהען אין אונזער אַלט-ניי לאַנד. אין זיין קרעפֿטיגער אויס-בויאונג שפּילען די חלוצות ניט קיין קלענערע ראָלע פֿון די הלוצים. ניט נאָר קרעפֿטיגע זיהן האָט דאָס אידישע פֿאָלק געבוירען אויף דער עלטער „אחרי בלותו", נאָר אויך מוטיגע, פֿיזיש און גייסטיג געזונדע טעכטער, וואָס בויען אונזער לאַנד מיט זייערע אייגענע צאַרטע פֿ־ויען-הענד און זייערע חן-פנים'ער ווערען „ברוין־פֿאַרברענט" ווי די „אָהלי-קדר" אויף שאָסעע־אַרבייט אונטער דער זון פֿון גליל. זיי וועבען דעם נייעם „שיר-השירים" ריימענדיג אַ שטיין צו אַ שטיין... צו זיין קעבינס און פֿעלשערינען אין חלוצים-באַראַקען איז אויך בכבוד'ער פֿון גלות-לאַסטען און פּאָגראָם-עלעגיעס, אָבער נאָך שענער איז צו בויען זעלבסט דאָס לאַנד ווי די „מענליכע ברידער" און פֿיהרען ווירטשאַפֿט אויף אייגענער ערד.

אָט אַזוי אָרגאַניזירט זיך און באַפֿעסטיגט זיך דער נייער אידישער כלל אויפֿ'ן יסוד פֿון אַ ר ב י י ט, און אָט אַזוי ווערט געשאַפֿען אַ נייער קערנקרעפֿטיגער פּראָדוקטיווער ישוב אין אַ לאַנד, וואָס האָט געלעבט פֿון „חלוקה" און „קבר אָבות". זוכט עמיצער דעם „מבשר גאולה" אויף אַ באַרג? דאָרט שטעהען זיי די „מבשרים" אויף די בערגלאַך שטיינער וואָס זיי האָבען אַליין צוהאַקט אויף די שאָסעען... דאָרט שטעהען זיי אונטער דער הייסער זון, אונטער ליכטיגע הימלען וואָס הויבען אָן זעהן אַ בעסערע ערד... דאָרט אַרבייטען זיי און דאָרט זינגען זיי. פֿאַר וואָס זאָלען זיי ניט זינגען? אמת, 5 אָדער אפילו 8 שילינג אַ טאָג וואָס אַ חלוץ באַקומט פֿאַר זיין אַרבייט איז זעהר ווייניג צום לעבען. אַ פּעדלער אין ניו־יאָרק באַקומט מעהר, און יעדער חלוץ וואָלט געקענט ווערען אַ פּעדלער... אָבער דערפֿאַר טאַקע זינגען זיי וואָס זיי זענען נ י ט קיין פּעדלער, נאָר ח ל ו צ י ם! חלוצים וואָס בויען וועגען אין ארץ-ישראל, און טרעטען איים אַ וועג פֿאַר זייער פֿאָלק — סולו סולו, פנו דרך!

* * *

דאָס זענען די לעבעדיגסטע גרונדפֿאַקטען פֿון דער „עלית-חלוצים"

אין א"י. זיי האָבען דריי נעמען: אַ ר ב י י ט, אַ ר ב י י ט און אַ ר ב י י ט!

און דאָ שטעלט זיך די שווערסטע פראַגע: ווי ש ט ע ה ט עס מיט דער אַרבייט אין א"י? אייניגע ציפערן:

פאַר אַ יאָהרען, סוף טבת תרפ"א, האָבען זיך קאָנצענטרירט 1,570 אַרבייטסלאָזע אין פאַרשידענע ערטער אין א"י (אין יפו 1,000, חיפה 270, ירושלים 80, טבריה 100, אין די קאָלאָניעס אין יהודה און גליל 120). דורך דעם „משרד לעבודות צבוריות" און דעם „משרד לעבודה ועליה" און אַביסעל דורך אייגענער איניציאַטיווע האָבען זיך אַלע אַר־בייטסלאָזע איינגעאָרדנעט איף די כבישים און אַנדערע אַרבייטען אין לויף פון זעקס וואָכען.

אין משך פון לעצטען יאָהר, און באַזונדערס לעצטען זומער, האָט זיך די צאָהל באַשעפטיגטע אַרבייטער אויף פאַרשידענע געביטען פאַר־גרעסערט. אַ גרויסע פראָפּאָרציע פון זיי איז לעצטען זומער געווען באַ־שעפטיגט אין פאַרשידענע ע פ ע נ ט ל י כ ע אַ ר ב י י ט ע ן פון דער רעגירונג, בס"ה 2,000. דער אינטענסיווער הייזער־בוי אין די זומער חדשים אין תל-אָביב, און עהנליכע אַרבייטען אין חיפה, האָבען באַשעפטיגט אַן ערך 1,000 אַרבייטער. נאָך די געשעהענישען לעצטען מאַי אין א"י האָבען אידישע קאָלאָניסטען אין פתח-תקוה און חדרה איינגעזעהן די נויטווענ־דיגקייט צו באַשעפטיגען אידישע אַרבייטער וואָס זענען בכח צו געבען די קאָלאָניעס אידישען שוץ. די צאָהל אידישע אַרבייטער אין ביידע קאָלאָניעס איז געווען 1,000. אין די לאַנדווירטשאַפטליכע קבוצות, באַזונדערס אויף דער נאַציאָנאַל-פאָנד ערד, זענען געווען באַשעפטיגט 600 אַרבייטער. ביי די אייזענבאַהנען 400, און 500 אין פאַרשידענע האַנדווערק-אינדוסטריעס אין די שטעדט.

דאָס איז געווען דער מצב סוף זומער, אָבער אָנהויב ווינטער איז דער צושטאַנד ערגער געוואָרען. די עפענטליכע אַרבייטען פון דער רע־גירונג האָבען זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבען ענדיגען, אַזוי אַז אין די לעצטע עטליכע חדשים האָבען זיי באַשעפטיגט בלויז 200 אַרבייטער. די הייזער אין יפו און חיפה זענען פאַרטיג געוואָרען, פריוואַטע אונטערנעמונגען האָבען זיך אָנגעהויבען אָבשטעלען פאַר'ן ווינטער, די צאָהל אידישע אַרבייטער אין די קאָלאָניעס איז ווידער קלענער געוואָרען. דערפאַר האָבען די נייע אַרבייטען אין מהלל און נורים אויף דער נאַציאָנאַל־פאָנד ערד אין עמק יזרעאל געעפענט נייע אַרבייטס-מעגליכקייטען און 500 פון די אַרבייטסלאָזע האָבען באַקומען פראָדוקטיווע אַרבייט.

אָט אַזוי איז די אַרבייטערשאַפט אין ארץ-ישראל ווידער געשטעלט געוואָרען פאַר דער שווערסטער פראָבלעמע פון אַ ר ב י י ט ס ל אָ ז י ג ק י י ט,

אין אַ לאַנד וואָס דאַרף און קען נעבויעט ווערען נאָר אויף דעם יסוד פֿון אַ ר ב י י ט. די אַרבייטערשאַפֿט אין א"י שטיצט אונטער איהרע פֿליגלען די הונדערטער אַרבייטסלאָזע חלוצים, אַרבייט אוים נייע פּלענער, זוכט נייע וועגען, שטרענגט אָן איהרע קליינע אָבער ענטשלאָסענע כחות צו אָרגאַניזירען נייע אונטערנעמונגען. די בעסטע און פּראַקטישסטע סכעמען ווערען צוגעגרייט, אַרבייט קען מען אויסגעפֿינען, אַרבייט קען מען אָר־גאַניזירען און אונטערנעמען, אַרבייט וואָס וואָלט נעלעזט די איצטיגע שווערע פּראָבלעמע פֿון אַרבייטסלאָזיגקייט און וואָס וואָלט מעגליך גע־מאַכט אַ פֿאַרשטאַרקטע עלית-חלוצים אויף אַ גרעסערען מאַסשטאַב. איין זאַך פֿעהלט — מיטלען! די מיטלען וואָלט נעדאַרפֿט שאַפֿען דער נאַ־טירליכער אונטערנעהמער פֿון דער גאַנצער אויפֿבוי-אַרבייט אין א"י, דאָס אידישע פֿאָלק, ווען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פֿאַרטרעט. אָבער די מיטלען וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע באַזיצט, אין אַלע איהרע פֿי־נאַנציעלע אינסטיטוציעס, זענען נאָך ווייט ניט בכח צו פֿינאַנסירען אפילו אַ גרויסען טהייל פֿון דער אויפֿבוי-אַרבייט. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע גיט קרעדיטען, די אידישע קאָלאָניאַל־באַנק גיט קרעדיטען, דער קרן-היסוד שטרענגט אָן אַלע כחות, אָבער אַלץ ווערט געמאַכט מיט מיה און מאַ־טערניש, אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב, ווייל צו אַ גרויסען מאַסשטאַב זענען נויטיג גרויסע מיטלען!...

און די אַרבייטערשאַפֿט אין א"י „ציהט פֿון זיך די קליי" און טראָגט אויף איהרע פּלייצעס די שווערע לאַסט מיט אמונה און בטחון אינ'ם כח פֿון פֿאָלק. מיט איין אויג זעהט זי וויפֿיעל אַרבייטסלאָזע חלוצים זי האָט נאָך צו באַזאָרגען, ווי אַ מוטער איהרע הונגעריגע קינדער, און דאָך פֿאַרצווייפֿעלט זי ניט און אונדערשראָקען שטרעבט זי מיט אַלע כחות צו נאָך אַ גרעסערער לאַסט און קוקט בענקענדיג מיט'ן צווייטען אויג — צו די גרויסע מחנות חלוצים וואָס וואַרטען נאָך אונ־טערוועגס!...

---

## ה.

## די חלוצים אונטערוועגס.

אין באַראַקעס אויף פֿינסטערע טייכען, אויף שפּיצען פֿון ווילדע בערג, אויף נעהיימניספֿולע שוידערוועגען, דורך פֿאַרדרעהטע סכנה־גרענעצען, אויסגעהונגערט און פֿאַרמאַטערט, אָבגעריכען און האַלב-נאַקעט, אָהן געלד אויף ווייטערע הוצאות — נאָר אין דער רויטער לופֿט פֿלאַ־טערט אַ בלוי-ווייסע פֿאָהן, אין דער ברוסט אָטעמט אַ יונגער, שטאָלצער,

אויפֿבויענדער ענטשלוס, און אויף די פּלייצעס פֿון אַ סך חלוצים הענגען „פעקלאַך" — אַ ר ב י י ט - ג ע צ י י ג וואָס זיי שלעפּען מיט קיין ארץ-ישראל !...

דער וועג איז שווער, אָבער די געצייג-פּעקלאַך אויף די פּלייצעס מאַכען דעם וועג גרינגער... און דער וועג ווערט געמאַכט, אַ צרה מעהר, א צרה ווייניגער, חלוצים האָבען קיין צייט ניט צו פֿיהרען אַ חשבון פֿון צרות, און חלוצים ה אַ נ ד ל ע ן ניט מיט צרות, און ווייזען ניט זייערע וואונדען דעם גרויסען עולם... נאָר אָט קומט מען ענדליך צו אַ ישוב, צו רוהיגערע אידישע צענטערס, אָט ווילען אידישע מאַסען אַרויסגעהן מיט פֿאָהנען אַנטקעגען זייערע פּיאָנערען, וואָס געהען בויען זייער לאַנד... אָט ווילען די אידישע קהלות און אַלערליי אידישע אָרגאַניזאַציעס זיי געבען די בעקוועמסטע מעגליכקייטען פֿאָרטצוזעצען זייער רייזע וואָס שנעלער, אָט ווילען די חלוצים מיט געזאַנג אַרויף אויף די שיפֿען, וואָס פֿיהרען קיין יפו און חיפה אַ געזונד פֿאָלק צו אַ חרוב׳דיג לאַנד —

אָבער דער אכזריות׳דיגער כראָניקער וועט עס ניט קענען פֿאַרשרייבען, און אויף דעם אָרט וועט ער אויספֿילען זיינע בלעטלאַך מיט האַרטע פֿאַקטען, מיט אַ געיעג נאָך „וויזעס", מיט אַנ׳אַרומלויפֿעריי צו אַלערליי קאָנסולען, צו כל המינים שתדלנים, צו אימיגראַציאָנס-ביוראָען, פּאַלעסטינאַ-אַמטען, מיט אַלערליי אָבהאַלטעגישען און אָבלעגונגען, מיט דעם איינציגען ליכטשטראַהל פֿון האָפֿנונג, אז ביי נאַכט, רוהענדיג אין שטאַלען פֿון אַ גוט-באַזיץ אין טשעכאָ-סלאָוואַקיאַ, אָדער הונגערענדיג אין לעמבערג, אין וויען, אין טריעסט, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וועט זייער קאָפּ ניט פֿאַרדרעהט ווערען מיט וואַלוטאַ-חשבונות און אַלערליי געלד-רעכענונגען, ווייל וואָס פֿאַר אַ וואַלוטאַ ס׳זאָל ניט זיין — זיי האָבען בכלל ניט אויף הוצאות !...

די פֿראַגע פֿון הוצאות וואָלט געווען ווייניגער פּיינליך ווען ניט דאָס וואַ ר ט ע ן אין די ד ו ר כ פֿ אָ ה ר - צ ע נ ט ע ר ס. אַ סך חלוצים האָבען מיטגענומען אויף הוצאות פֿון זייערע היימען, טיילווייז האָבען די חלוצים זעלבסט איינגעאָרדנעט „החלוץ-טעג" אין פֿאַרשידענע ערטער פֿאַר אַ „קופּה-עליה". אין פּוילין, למשל, האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט פֿונ׳ם „החלוץ" געגרינדעט אַ צענטראַלע לייה-און-שפּאָר-קאַסע, און אַזעלכע לאָקאַלע קאַסען זענען איינגעאָרדנעט געוואָרען אויך פֿון איינצעלנע אגודות; טיילווייז האָבען די פּאַלעסטינאַ-אַמטען אין וואַרשא, רומעניע, וויען, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און אַנדערע לענדער, אַרויסגעקראָגען געלדער פֿאַר חלוצים-הוצאות פֿונ׳ם אַמעריקאַנער „דזשאָינט", פֿון דער אוקראַינער פֿעדעראַציע אין לאָנדאָן (ווי אויך לעצטענס פֿון דער אַלוועלטליכער

הילפס-עקזעקוטיווע אין פאריז), אַ חוץ די געלדער וואָס די פּאַלעסטינאַ־אַמטען האָבען באַקומען, דורך דער אַלוועלטליכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פון׳ם קרן־היסוד. ס׳זענען אויך געווען חלוצים, וואָס האָבען באַקומען אויף הוצאות פון זייערע חברים חלוצים אין א״י, נאָר אַ חוץ דעם וואָס מ׳האָט אויף די אַלע געלדער געמוזט לאַנג וואַרטען, האָבען די חלוצים געמוזט „גלאַט וואַרטען" אין די דורכפאָהר-צענטערם און אויפעסען דערוויל דאָס „הייליגע געלד" פון הוצאות הדרך...

אַ יאָהר צייט האָבען זיך הונדערטער חלוצים געמוזט אַרומדרעהען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל; אַ מחנה חלוצים און חלוצות, אינ׳ם עלטער פון 16 ביז 25 יאָהר, האָבען נאָך אַ וואַנדערונג פון 17 וואָכען פון לעמבערג קיין טריעסט, און נאָך אַלערליי פריהערע אויסגעשטאַנענע ליידען, אויסגעמאַטערטע און האַלב-נאַקעט, געמוזט נאָך לאַנג וואַרטען אין טריעסט ביז אַ משא-שיף וועט זיי נעהמען קיין אלכסנדריה אויפ׳ן „דעק", און זיך שלעפען 23 ווינטער-טעג אויף אַ רייזע וואָס דאַרף מיט אַ גוטער שיף געדויערען בלויז 4 טעג, און מיט אַ באַהאַלטענעם פּחד: ווער ווייס, צי מ׳וועט אַריינלאָזען... כמעט אַלע פון די 250 חלוצים האָבען געהאַט מיטגענומען פון זייערע היימען אויף היצאות, אָבער דער לאַנגער וועג און דער עקר דאָס וואַרטען מוז אויפעסען האָטש אַ טייל פון די הוצאות אפילו ווען זיי הונגערן... צונויפגעפּאָהרענע חלוצים אין וואַרשא האָבען געמוזט וואַרטען אויף „סערטיפיקאַטען", „לעגיטימאַציעס" און מליצה-בריעף, דערוויל געהען אויס זייערע „וויזעס" און מען מוז ווייטער אָנהויבען פון בראשית צו באַקומען נייע „וויזעס", און דערוויל ווערען די חלוצים אַזוי־זיי פאַרהאַפּטעט פון דער אָרטיגער פּאָליציי. דער פּאַלעסטינאַ-אַמט פטר׳ט געלד, צייט, אָנשטרענגונג, ניט אויף שיקען די חלוצים קיין א״י, נאָר אויף אויסצוהאַלטען זיי „דערוויל אונטערוועגס", צי אין די „בתי־חלוצים" פון׳ם אַמט אין וואַרשא, צי ערגעץ פריוואַט... און דער „אונטערוועגס" ציהט זיך מאָנאָטען צווישען האָפנונג און פאַ־צווייפלונג, צווישען בעסערע און ערגערע וואלוטעס, און אַלערליי ענוים קשים...

ס׳וואָלט געווען פאַלש צו באַהויפּטען, אַז די „עלית-חלוצים" האָט געליטען דורך אייגענער דעזאָרגאַניזאַציע. פאַרקעהרט, פון אָנהויב אָן איז די „עליה" געווען מעהר אָדער ווייניגער אָנ׳אָרגאַניזירטע און אין אייראָפּאַ האָבען זיך מיט איהר אָבגעגעבען באַזונדערם צוויי צענטראַלע פּאַלעסטינאַ-אַמטען, איינער אין ווין און איינער אין וואַרשא. דער וואַרשאווער פּאַלעסטינאַ־אַמט איז פריהער געווען אַ דעפּאַרטמענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. זייט דעם ערשטען דעצעמבער 1920 איז ער געוואָרען אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט פון אַלע פעדעראַציעס, וואָס זענען פאַ־בונדען

מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג. די ביוראָ האָט 4 הויפּט־אָבטיילונגען (אין לעמבערג פאַר מזרח-גאַליציע, און קראָקע פאַר מערב-גאַליציע, אין ווילנע פאַר ליטע, און אין קאָוונע פאַר וואָהלין און פּאָדאָליע). אַ חוץ זיי עקזיסטירען 54 לאָקאַלע פּאַלעסטינאַ-קאָמיטעטען איבערן גאַנצען לאַנד, וואָס אַרבייטען מיט דעם צענטראַלען פּאַלעסטינאַ־אַמט אין וואַרשא, וואָס איז אָנערקענט פון דער פּוילישער רעגירונג ווי אויך האַלב־אָפיציעל פון'ם ענגלישען קאָנסול. דער אַמט האָט געהאַט דריי „בתי-חלוצים" אין וואַרשא און האָט אַ סך געזאָרגט פאַר די חלוצים פון אוקראַינע, הן בנוגע זייער אויפענטהאַלט אין פּוילין אויפ'ן וועג קיין א"י, הן בניגע לעגאַלער הילף, ווי „וויזעס" און דערגלייכען, און אויך מיט הוצאות אויפ'ן וועג. דער פּאַלעסטינאַ-אַמט אין וויען, מיט זיין „בית-חלוצים", אַנדערע אַזעלכע אַמטען און „בתי-חלוצים" אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַנדערע ערטער, בעסערע אָדער ערגערע — אָבער די עליה איז נ י ט געווען דעזאָרגאַניזירט. אַ חוץ אָט די אַלע אַמטען איז אויך אויף דעם געביט ניט געבליבען שטעהן פון וויטען די אייביג-וואַכענדע אַרבייטערשאַפט אין א"י. סאַי די „אַחדות-העבודה", סאַי דער „הפועל-הצעיר" האָבען געהאָלפען דורך זייערע פּאַרטרעטער און עמיסארען צו אָרגאַניזירען די וואַנדערונג פון די חלוצים, און די „צעירי־ציון" און „פועלי־ציון" אין גלות האָבען געטאָן זייער חלק צו דערלייכטערן זיי דעם וועג...

די אַ־בייט פון די אַרבייטער־פעדעראַציעס, די אַרבייט פון די פאַר־שידענע פּאַלעסטינאַ-אַמטען און אימיגראַציאָנס-ביוראָען — און דאָך האָט זיך די גאַנצע צייט געצויגען די „עליה" שווער, „ברכבי פרעה", ווי אַ וואָגען מיט קרומע רעדער...

די חלוצים אין אַלע דורכפאָהר צענטערס האָבען ג ע ו ו א ַר ט, און געוואַרט האָבען טויזענדער חלוצים אין זייערע „היימען" אָדער ערגעץ־וואו אונטערוועגס... פ אַ ר ו ו אָ ס האָבען זיי געוואַרט? א ו י ף ו ו אָ ס האָבען זיי געוואַרט? ווי אַזוי איז געשאַפען געוואָרען דער גאַנצער טרויעריגער מצב פון די חלוצים אונטערוועגס?...

* * *

דער ענטפער אויף דער ביטער־ער פראַגע איז נאָך ביטערער: די חלוצים זענען גאַנץ צוגעגרייט צו קומען קיין א"י, אָבער א"י א י ז נ אָ ך וו י י ט נ י ט צ ו ג ע ג ר י י ט א ו י פ צ ו נ ע מ ע ן אַ ל ע ח ל ו צ י ם!...

דערווייל האָט נאָך א"י ניט גענוג אַרבייט פאַר אַלע וואָס זענען גרייט צו אַרבייטען. די פּראָבלעמע פון דער חלוצים-איינוואַנדערונג איז די פּראָבלעמע פון אַ ר ב י י ט ס - מ ע ג ל י כ ק י י ט אין א"י, וואָס ווירקט ניט נאָר אויף דער עקאָנאָמישער לאַגע, נאָר אויך אויף דער פ אָ ל י ט י ש ע ר לאַגע אין לאַנד־

די אַ־בייטערשאַפֿט אין א"י ווייס מעהר פֿון אַלעמען אָט דעם גרויסען אמת, ווייל זי ליידעט פֿון איהם די ערשטע און טראָגט איהם אויף איהרע פּלייצעס. פֿונדעסטוועגען שרעקט זי די ביטערע ווירקליכקייט ניט אָב. מיט אַ שטאָלצער און זעלבסטבאַוואוסטער האַרטנעקיגקייט שטעהט זי „על המצפה" און רופֿט צו אַלע עקען פֿון דער אידישער וועלט: קומט, חלוצים, וואָס מעהר חלוצים, קומט!... זי שרייט אויס צו די חלוצים אין אַלע גלות־לענדער דעם גאַנצען אמת, זי באַהאַלט פֿון זיי גאָרניט, זי שיקט זיי גענויע באַריכטען וועגען דעם מצב אין א"י און וועגען אַלע אַרבייטס מעגליכקייטען און אונמעגליכקייטען. איהר לאָזונג איז אָבער: דער אַרבייטער וועט שאַפֿען די אַרבייט, די נויטווענדיגקייט וועט אויס־געפֿינען די מעגליכקייטען. וואַרטען האָבען מיר קיין צייט ניט. די טויערן פֿון א"י מוזען זיין ווייט אָפֿען פֿאַר אַלע פּראָדוקטיווע עלעמענטען וואָס ווילען בויען דאָס לאַנד.

די חלוצים אין אַלע לענדער ווייסען אַלזאָ דעם „אמת מארץ־ישראל". זיי האָבען ניט קיינע אילוזיעס וועגען דעם גאַנצען צושטאַנד אין לאַנד, און אויך זיי רופֿען אויס אומעטום די זעלבע לאָזונג: לאָזט אונז אַריין אין ארץ־ישראל מיט דעם גרויסען פֿאַרמעגען וואָס מיר באַזיצען: אונזער *ווילען* און אונזערע *הענד*. אָט דעם קאַפּיטאַל וועלען מיר אינוועס־טירען און שאַפֿען די אַרבייטס־מעגליכקייטען!

אָבער אַ חוץ דער אַ־בייטערשאַפֿט אין א"י און די חלוצים אין גלות זענען דאָ צוויי הויפּט־אינסטאַנצען, וואָס אין זייערע הענד ליגט די ענט־שיידונג און די פֿאַראַנטוואָרטליכקייט פֿון דער פֿראַגע: די *פּאַלעסטי־נער רעגירונג*, קלאָרער געזאָגט: די *מאַנדאַט־מאַכט*, און — די *ציוניסטישע* אָרגאַניזאַציע וואָס איז *פֿאַראַנטוואָרטליך* איהר געגענאיבער.

און די צוויי אינסטאַנצען האָבען וועגען דער פֿראַגע אַ גאַנץ אַנדער מיינונג: קודם־כל מוזען געשאַפֿען ווערען די אַרבייטס־מעגליכקייטען און ערשט דערנאָך זאָלען קומען די אַרבייטער. אין אַ צושטאַנד פֿון אַרבייטס־לאָזיגקייט ווערען די פּראָדוקטיווסטע עלעמענטען אומפּראָדוקטיוו, און דאָס שטעלט אין סכנה ניט בלויז די גאַנצע עקאָנאָמישע לאַגע, נאָר אויך די רוה און אָרדנונג אין לאַנד, און ווערט בכלל אַ שטערענדער פֿאַקטאָר פֿאַר דעם גאַנצען בנין פֿון דער נאַציאָנאַלער היים.

וועלכער שטאַנדפּונקט איז דער ריכטיגער? — ניט דאָ איז דער פּלאַץ פֿאַר אַן ענטפֿער. דאָ האָבען מיר זיך צו רעכענען מיט די ווירקליכע פֿאַקטען, און די ווירקליכע פֿאַקטען זענען, אַז א) די פּאַלעסטינער רע־גירונג שטעהט אויף דעם צווייטען שטאַנדפּונקט און האָט דערפֿאַר

באַגרענעצט פֿון אָנהויב אָן די איינוואַנדערונג קיין א"י, און ב) אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע שטעהט, און מוז שטעהן, אין ענגער פֿאַרבינדונג מיט דער פּאַלעסטינער רעגירונג, צו וועלכער זי איז פֿאַראַנטוואָרטליך פֿאַר די רעזולטאַטען פֿון דער אידישער אימיגראַציע.

גלויבט דען עמיצער, אַז די פֿיהרער פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ווילען וועניגער ווי די חלוצים זעלבסט, אַז זיי זאָלען קומען קיין ארץ־ישראל אין וואָס אַ גרעסערער צאָהל? דער אויפֿבוי פֿון א"י איז דאָך דער גאַנצער יסוד פֿון דער אָרגאַניזאַציע, די „אידישע נאַציאָנאַלע היים" איז די פֿאָהן, פֿאַר וועלכער זי האָט געאַרבייט און געקעמפֿט — אָבער טאַקע דערפֿאַר איז זי פֿאַראַנטוואָרטליך צו דער מאַנדאַט־מאַכט פֿאַר דער איינאָרדנונג פֿון דער נאַציאָנאַלער היים און געפֿינט זיך אין אַ גרעסערן „בין המצרים" פֿון יעדען אַנדערן, און מוז היטען די גרענעץ און די „באַגרענצונג" מעהר ווי די אינסטאַנץ, צו וועלכער זי איז פֿאַראַנטוואָרטליך.

אָבער אַ חוץ די צוויי אינסטאַנצען איז נאָך דאָ אַ דריטע אינסטאַנץ אין וועמעס הענד ס'ליגט די גאַנצע צוקונפֿט פֿון דער „אידישער נאַציאָנאַלער היים", און וואָס איז אין יעדער הינזיכט פֿאַראַנטוואָרטליך פֿאַר'ן גאַנצען מצב — דאָס גאַנצע אידישע פֿאָלק.

צי די אַרבייט זאָל קומען פֿריהער, צי די אַרבייטער — אָבער ביידע מיינונגען זענען מודה, אַז אַרבייט מוז געשאַפֿען ווערען סיי פֿאַר דער באַשעפֿטיגונג פֿון די חלוצים און סיי פֿאַר דער אויפֿבויאונג פֿונ'ם גאַנצען ישוב.

און דיזע פֿאַראַנטוואָרטליכקייט ליגט געווים ניט אויף דער פּאַלעסטינער רעגירונג און אויך ניט אויף דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נאָר אויפֿ'ן אידישען פֿאָלק.

די פּאַלעסטינער רעגירונג האָט געמאַכט אַ סך טעות'ן, אָבער דאָס אידישע פֿאָלק האָט געמאַכט איין גרויסען טעות: אַז די פּאַלעסטינער רעגירונג מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע וועלען בויען דאָס לאַנד אָהן איהם... אָהן זיינע גרויסע געלד־קרבנות.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געמאַכט אַ סך פֿעהלערן, אָבער דאָס אידישע פֿאָלק האָט געמאַכט איין גרויסען פֿעהלער — וואָס עס איז געבליבען שטעהן פֿון וויטען און ניט געשאַפֿען די מיטלען פֿאַר אַ־בייט־מעגליכקייטען אין א"י...

און אָט אַזוי האָט פּאַסירט אַז נאָך די בלוטיגע טעג פֿון יפו פֿאָריגען מאַי, נאָך דעם אַראַבישען מערדערישען אָנפֿאַל אויף דעם „בית חלוצים" אין יפו, האָט די פּאַלעסטינער רעגירונג ניט נאָר באַגרענעצט,

גאָר פּ אַ ר ב אָ ט ע ן אויף אַ צייט די אידישע איינוואַנדערונג און געשלאָסען די טויערן פון לאַנד!...

ווי די שוואַרצע לעגענדאַרישע שיף פון דעם „פליהענדען האָלענדער" האָבען זיך אַרומגעדרעהט שיפען מיט חלוצים און אַנדערע „עולים" אי־בערן ים. אויף דער שיף „דאַלמאַציאַ" וואָס איז אָנגעקומען פון קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל צו די ברעגן פון יפו, האָבען זיך געפונען 158 „עולים", פון זיי 96 חלוצים פון דער 6־טער קבוצה פון אוקראַינע. ניצול געוואָרען פון אוקראַינער פייער האָט די קבוצה געבלאָנדזשעט אויפ'ן וואַסער נעבען דעם ברעג פון האָפענונג... פון יפו האָט מען זיי געשיקט קיין פאָרט־סעיד און פון דאָרט קיין אלכסנדריה. דאָרט האָט מען זיי נאָך דער השתדלות פון דער אידישער קהלה אַראָבגעלאָזען, אָבער אין גיכען האָט מען זיי אָבגעשיקט קיין טריעסט.

אין וואַרשא און אין וויען זענען שטעהן געבליבען טויזענדער חלוצים וואַרטענדיג אויף דער ערשטער מעגליכקייט צו פאָהרען קיין א"י. די שיף „קאָרניאָלאַ" וואָס האָט געזאָלט אָבפאָהרען דעם 15־טען מאַי מיט 700 פון די טויזענד חלוצים וואָס האָבען זיך געפונען אין וויען האָט באַקומען אַ באַפעהל ניט אָבצופאָהרען...

דאָס איז געווען די ווירקונג פון די בלוטיגע מאַי־טעג אין יפו אין א י י ן ריכטונג. אָבער די זעלבע בלוטיגע טעג האָבען געהאַט אַ גאַנץ אַנדער ווירקונג אין אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג: די פאַרשטאַרקונג פון דער חלוצים־באַוועגונג אומעטום וואוהין די בלוטיגע בשורה פון יפו איז אָנ־געקומען. הונדערטער און טויזענדער האָבען זיך געריסען אין וועג קיין א"י און האָבען עס געהאַלטען פאַר אַ זינד צו בלייבען אַנ'איבעריגן מאָמענט אין גלות. אין טריעסט האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט 500 חלוצים. אין אַ סך שטעדט אין פוילין האָבען זיך אָרגאַניזירט קבוצות „עולי רגל", וואָס ניט האָבענדיג קיין הוצאות צו פאָהרען האָבען זיי באַשלאָסען זיך לאָזען צו־פוס קיין א"י. אויף אַלע גרענעצן האָבען זיך געפונען חלוצים. אין וואַרשא זענען אָנגעקומען גרופּעס פון קאַזאַן, אָדעס, האָמעל, און מינסק. די אַרבייטערשאַפט אין א"י און די חלוצים אין גלות האָבען אויפ־געהויבען אַ שטורם פון פראָטעסטען געגען דעם צייטווייליגען איינוואַנ־דערונגס־פאַרבאָט. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געטאָן אַל'ץ אין איהר כח אָבצושאַפען דעם פאַרבאָט, וואָס איז איהר באַלד געלונגען. די „עליה" האָט זיך ווידער אָנגעהויבען סוף יוני, אַלזאָ צוויי חדשים נאָכ'ן פאַרבאָט. אָבער אָנשטאָט דעם פאַרבאָט איז געשאַפען געוואָרען אַ ש ט ר ע נ ג ע ב אַ ג ר ע נ צ ו נ ג.

ס'איז כדאי צו ציטירען אַ פסוק פון דער יוני־רעדע פון סער הער־

בערט סעמיואל: „די איינוואַנדערונג מוז געמאָסטען ווערען לויט דעם מאסשטאַב פֿון אַרבייט-מעגליכקייטען אין א״י!...״ אין אַנדערע ווערטער: די באַגרענצונג פֿון דער איינוואַנדערונג קיין א״י, באַזונדערס פֿון חלוצים, ליגט ניט אין די הענד פֿון דער פאַלעסטינער רעגירונג, נאָר הענגט אָב פֿון אונזער כח צו שאַפֿען אַרבייטס-מעגליכקייטען אין לאַנד. די שאַפֿונג פֿון אַרבייט קען נאָר געמאָלט זיין דורך דעם אויפֿבוי פֿון א״י. דער אויפֿבוי פֿון א״י קען געמאָלט זיין בלויז דורך דעם גאַנצען אידישען פֿאָלק, וואָס זאָל פֿינאַנסירען דעם אויפֿבוי דורך איין גרויסער אַל-אידישער, נאַציאָנאַלער שטאַאַטס-קאַסע.

און אַזאַ גרויסע אַל-אידישע נאַציאָנאַלע שטאַאַטס-קאַסע איז פּראָקלאַמירט און געגרינדעט געוואָרען דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — דער קרן-היסוד!

---

ו.

# דער קרן־היסוד — און חלוצים.

די צוויי ווערטער „קרן-היסוד״ טראָגען זיך אַרום אין דער גאַנצער אידישער וועלט שוין זייט אָנדערהאַלבען יאָהר, און זענען באַקאַנט געוואָרען אויך אין אַ סך ניט-אידישע קרייזען. דער חלוק איז אָבער: אַ סך גויים ווייסען ניט דעם טייטש פֿון די ווערטער אָבער פֿאַרשטעהען וואָס זיי מיינען, און אַ סך אידען ווייסען יאָ דעם טייטש, אָבער פֿאַרשטעהען ניט די באַדייטונג!... וואָלטען אַלע אידען אין דער גאַנצער וועלט ווירקליך באַגרייפֿען די באַדייטונג פֿון די צוויי ווערטער — וואָלט א״י געהאַלטען אין סאַמע מיטען ברען פֿון אויפֿבויאונג, די גאַנצע פּראָבלעמע פֿון חלוצים וואָלט ניט אַזוי טרויעריג געווען, ווי זי איז איצט, און קיין פֿאַנטאַזיע וואָלט זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז אידען זאָלען לאָזען פֿאַרבייגעהן גאַנצע אָנדערהאַלבען פֿאַראַנטוואָרטליכע יאָהר און לאָזען זייער ערשטע אַל-אידישע נאַציאָנאַלע שטאַאַטס-קאַסע בלייבען אין אַנ׳אָנהויב-צושטאַנד... וואָלט דאָס אידישע פֿאָלק מיט אַ געזונדען חוש תופס געווען, אַז דער קרן-היסוד איז זיין אַרבייט — וואָלט עס געלערנט פֿון זיינע חלוצים ווי אָנצוגעהן מיט דער אַרבייט, ווי זיך צוגרייטען צו דער אַרבייט, און געניי ווי דער חלוץ הונגערט אונטערוועגס, ווייל ער מוז אָבשפּאָרען אויף הוצאות צו פֿאָהרען קיין א״י — אַזוי וואָלטען די אָרימסטע אידען פֿון זייער טעגליכען ברויט אָבגעשפּאָרט אויף הוצאות צו בויען ארץ-ישראל.

צוריק מיט אָנדערהאַלבען יאָהר האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע געגרינדעט דעם „קרן־היסוד", דעם גרינדונגס-פאָנד, אַלס אַנ'אַלגעמיין אידישע נאַציאָנאַלע שטאַאַטס-קאַסע צו פינאַנסירען דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל.

אין דעם אַלגעמיינעם פאָנד זאָלען זיך באַטייליגען אַלע אידען, מענער און פרויען, ווי עס באַטייליגען זיך בירגער פון א לאַנד אין דער מלוכה־קאַסע, דורך צאָהלען יעהרליכע שטייערן.

דער שטייער וואָס יעדער איד, מאַן און פרוי, דאַרף צאָהלען דער אידישער שטאַאַטס-קאַסע איז אויך אַ א י ד י ש ע ר — מ ע ש ר, דער היסטאָרישער „מעשר" וואָס אידען האָבען שטענדיג געצאָהלט, סיי אַמאָל אין אונזער אייגען לאַנד און סיי אין מיטעל-אַלטער אין אַלע אידישע-גהעטאָס פאַר אידישע כלל-צוועקען. מעשר איז אַ פרייוויליגער פראָגרעסיווער שטייער פון די הכנסות, וואָס דערנעהנטערט זיך צו א צעהנטעל פון די הכנסות, און דאַרף געצאָהלט ווערען פון יעדען אידען יעהרליך.

דער 12-טער ציוניסטישער קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד, די העכסטע אינסטאַנץ פון דער אַלוועלטליכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט באַשטעטיגט די גרינדונג פונ'ם „קרן־היסוד" אַלס אַנ'אַלגעמיין־אידישען פאָנד פאַר דער אויפבויאונג פון ארץ־ישראל, און באַשטימט זיין קאָנסטיטוציע, לייטונג, און אַרבייט.

די ק אָ נ ס ט י ט ו צ י ע פונ'ם קרן-היסוד איז פון איין זייט דער שטעמפעל פון זיין אַ ל ג ע מ י י ן - א י ד י ש ע ן כאַראַקטער, און פון דער אַנדערער זייט די בעסטע גאַראַנטיע פאַר זיין ר י כ ט י ג ע ר א ר ב י י ט און ג ע־ נ ו י ע ר ר ע כ ע נ ו נ ג. זיין אַרבייטס־פּלאַן פאַר'ן יאָהר תרפ"ב איז באַרזשעטירט געוואָרען מיט אָנדערהאַלבען מיליאָן פונט (בערך 6 מיליאָן דאָלאַר).

דער אויפבוי פון ארץ־ישראל איז ניט קיין זאַך פון דער ווייטער צוקונפט, גאָר פון דער מאָמענטאַנער געגענוואַרט. אַ מיליאָן פונט היינטיגס יאָהר איז מעהר ווי צוויי מיליאָן איבער אַ יאָהר. אַ אידישער בעל-חשבון וואָס קען אונזער לאַגע אין ארץ־ישראל דאַרף גיט האָבען קיין וואונק דערויף... אַ טאָג פאַרלאָרען הייסט ע ר ד פאַרלאָרען, מעגליכקייטען פאַרלאָרען, און אַ יאָהר פאַרלירען איצט איז מעהר ווי אַ יאָהר-הונדערט אין דער פאַרגאַנגענהייט.

ארץ־ישראל האָט ניט קיין צייט צו וואַרטען. די אַרבייט האָט זיך שוין אָנגעהויבען, טויזענדער חלוצים וואַרטען אויף ווייטערע אַרבייטען. דער ישוב אין א"י ל ע ב ט, אַלע הצטרכותן פונ'ם שוין עקזיסטירענדען ישוב טאָרען גיט אָבגעלעגט ווערען אויף אַ רגע, און וויינִיגער פון אַלץ

טאָרען מיר ניט אָבהאַלטען דעם שטראָם פֿון פּראָדוקטיווער נייער איינ־זואַנדערונג, און קענען ניט מעהר לאָזען וואַרטען די טויזענדער חלוצים אין גלות.

דער ארץ-ישראל בודזשעט, וואָס באַטרעפֿט אָנדערהאַלבען מיליאָן פֿונט, צוטיילט זיך אויף דריי קאַטעגאָריעס, און יעדע איינציגע פֿון זיי טראָגט אין זיך גרויסע מעגליכקייטען פֿאַר פֿאַרגרעסערטער אימי־גראַציע און קאָלאָניזאַציע.

אויף דער ערשטער קאַטעגאָריע — לאַנדקויף (דורכ'ן נאַציאָנאַל־פֿאָנד) און לאַנד-צוגרייטונג האָט דער קאָנגרעס באַשטימט 300,000 פֿונט פֿונ'ם קרן־היסוד. צוזאַמען מיט זיינע אייגענע הכנסות וועט דער נאַציאָנאַל־פֿאָנד קענען דיספּאָנירען איבער קרוב צו אַ האַלבען מיליאָן פֿונט אינ'ם יאָהר, און וועט זיין בכח צו קויפֿען און צוגרייטען מיט דעם קאַפּיטאַל הונדערטער טויזענד דונאַם ערד פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿטליכער קאָלאָניזאַציע. אַ חוץ דעם וואָס גרויסע שטחים ערד פֿון א"י וועלען דורכדעם קענען איבערגעהן אין אידישען רשות, אַ חוץ דער אידישער קאָלאָני־זאַציע וואָס וועט מיט דעם געלד געשאַפֿען ווערען — איז דאָך פֿאַר יעדערן קלאָר אַז דאָס וועט שאַפֿען אַרבייט און באַשעפֿטיגונג פֿאַר נייע מחנות חלוצים אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב. אַלס אילוסטראַציע ווייזען מיר וויטער אָן, וואָס די 40,000 דונאַם ערד, וואָס דער נאַציאָנאַל־פֿאָנד האָט געקויפֿט אין עמק יזרעאל, האָבען באַרייטעט פֿאַר די חלוצים גראָד אין מאָמענט פֿון דער קריטישער אַרבייטסלאָזיגקייט.

אויף דער צווייטער קאַטעגאָריע — געשעפֿטליכע אונטערנעמונגען, האָט דער קאָנגרעס באַשטימט 550.000 פֿונט, בעיקר איז דערמיט געמיינט די באַטהייליגונגען פֿונ'ם קרן־היסוד אין קרעדיט אינסטיטוטען פֿאַר הייזער־בוי, לאַנדווירטשאַפֿט, אינדוסטריע, און אין עפֿענטליכע אַרבייטען, ווי באַוואַסערונג'ם און עלעקטריפֿיצירונג'ס־פּראָיעקטען. די אינוועסטירונג פֿון אַזאַ סומע פֿאַר די אַלע אויפֿגאַבען באַדייט ווידער די שאַפֿונג פֿון אַרבייטס און עקזיסטענץ־מעגליכקייטען פֿאַר טויזענדער נייע פֿאַמיליעס.

אויף דער דריטער קאַטעגאָריע — דער רעגולערער א"י בודזשעט — האָט דער קאָנגרעס באַשטימט 656,000 פֿונט. די סומע נעהמט אַרום אַלערליי אַרבייטס פֿעלדער אין א"י, ווי ערציהונג, סאַניטאַציע, אימי־גראַציע און לאַנדווירטשאַפֿטליכע קאָלאָניזאַציע אין זייערע פֿאַרשידענע אָבצווייגונגען. די צוויי לעצטע באַריהרען גאַנץ באַזונדערס די אינטערעסען פֿון די חלוצים.

אַלע פּונקטען צוזאַמען הייסען: אידישע אימיגראַציע און אידישע קאָלאָניזאַציע. פֿאַר אימיגראַציע האָט דער קאָנגרעס

באַשטימט די סומע פֿון 140,000 פֿונט: 50,000 פֿונט פֿאַר די איינוואַנ־דערער וואָס זענען שוין אין לאַנד; דאס מיינט בעיקר קרעדיט־ה׳לף ביי עפֿענטליכע אַרבייטען, און 90,000 פֿונט פֿאַר נייע איינוואַנדערער. אין דעם געהען אַריין אַלע הוצאות אויף רעגולירען די אימיגראַציע און פֿאַרזאָרגונג פֿון די חלוצים ביז זיי קריגען אַרבייט. אַ טהייל פֿון דעם סכום וועט אויך פֿאַרנוצט ווערען, לויט דעם קאָנגרעס־באַשלוס, אויף רייזע־הלואות פֿאַר מיטעללאָזע א״י־אימיגראַנטען. דער בודושעט פֿאַר אַנראַרער קאָלאָניזאַציע באַטרעפֿט 304,000 פֿונט. פֿון אַלע פונקטען וואָס אָט די סומע פֿאַר קאָ-לאָניזאַציע נעהמט ארום, ווילען מיר זיך דאָ אָבשטעלען בלויז אויף צוויי, וואָס אילוסטרירען די אַרבייטס-מעגליכקייטען פֿאַר די חלוצים.

דער קאָנגרעס האָט באַשטימט צוויי וויכטיגע סומען פֿאַר דער נייער לאַנדווירטשאַפֿטליכער באַזעצונג אויף דער נייער נאַציאָנאַל-פֿאָנד ערד אין עמק יזרעאל. אַ סומע פֿון 56,000 פֿונט פֿאַר דער באַ־זעצונג פֿון צוויי אַרבייטער־דערפֿער (מושבי עובדים) פֿון 140 משפחות, און די צווייטע סומע — 70,000 פֿונט פֿאַר דער איבערפֿיהרונג פֿון חלוצים פֿון די עפֿענטליכע אַרבייטען צו שטענ-דיגער לאַנדווירטשאַפֿטליכער אַרבייט. דיזער פונקט וואַרפֿט אַ ליכט אויפֿ׳ן גאַנצען בודושעט און זיין באַדייטונג פֿאַר דער חלוצים־באַוועגונג. די רעאַליזירונג פון אָט דעם פונקט האָט זיך ניט נאָר שוין אָנגעהויבען, נאָר שוין געוויזען ליכטיגע רעזולטאַטען: 250 אַרבייטער פֿונ׳ם גדוד העבודה, וואָס האָט געאַרבייט אויף די שאָסעען און אַנ־דערע עפֿענטליכע אַרבייטען, האָבען זיך שוין באַזעצט אויף דער נאַציאָנאַל-פֿאָנד ערד אין עמק יזרעאל, אויף נורים (אין עין-חרוד און תל־יוסף), אויף אַ שטח פֿון 7,000 דונאַם, און אין אַ משך פֿון די ערשטע דריי חדשים פֿון זייער באַזעצונג שוין אויפֿגעטהון אַ גאַנצע רייהע וויכטיגע אַרבייטען, ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס אין די ערשטע 3 חדשים האָט דער „גדוד״ אָנשטאָט די 15,000 פֿונט, וואָס זענען אַסיגנירט געוואָרען פֿונ׳ם קה״י־בודושעט, באַקומען בלויז 4,000 פֿונט... אין דער צייט וואָס אויף שפייז אַליין מוזען די 25 אַרבייטער אין עין־חרוד און תל-יוסף אויסגעבען 1,200 פֿונט אַ חודש. ניט קוקענדיג אויף דעם שרעקליכען געלד־דוחק האָבען זיי שוין אויסגעשטיינערט 600 דונאַם, צוגעגרייט אַלץ פֿאַר דער אויפֿבויאונג פֿון אַ שאָסע פֿון $1\frac{1}{2}$ מעטער מיט דער הילף פֿון די טראַק-טאָ־ס פֿונ׳ם פלשתינא-אַרבייטער-פֿאָנד, אויסגעאַקערט 1,900 דונאַם ערד, פֿאַ־זעעט 900 דונאַם ווינטער־תבואות, געעפֿענט אַ שטיינהאַקעריי, וואו זיי גרייטען צו אַנ׳ערך 20,000 ציגעל פֿאַ־ די באַוועסערונגס־קאַנאַלען, צוגעגרייט פֿאַר פֿלאַנצונג 500 איילבערט־בוימער און 6,000 ווייַנבוימער;

צוגעגרייט 34,000 גרובען אויף פלאַנצען פאַרשידענע בוימער, פון וועלכע זיי האָבען ביז איצט פאַרפלאַנצט 8,000; איינגעאָרדנעט אַ בוים-שולע פון 10,000 איילבערט-בוימער, אַ גרינס-גאָרטען פאַר׳ן „גדוד", אַ גאָרטען פאַר אינטענסיווע צוכטען, אַ בוים-שולע פאַר טאַבאַק אויף 20 דונאַם, וואָס זענען שוין צוגעגרייט געוואָרען פאַר דער טאַבאַק-פלאַנצונג. אַ חוץ אָט די אַרבייטען זענען איינגעאָרדנעט געוואָרען אַ גרויסע שניידעריי פאַר אַלע חברים פונ׳ם גדוד, אַ סטאָליעריי, אַ שוסטעריי, א שמידעריי. מען האָט פאַרריכט די בנינים פונ׳ם דאָרף עין-חרוד און אָנגעהויבען פאַרריכטען די בנינים אינ׳ם דאָרף תל-פיר, אָנגעהויבען קאָנצענטרירען אַלע קוואַלען אין איין גרויסען קאַנאַל, און דורכדעם אויסטריקענען אַ גרויסען זומפּ אַרום די בנינים; מען גרייט צו אַ קאַלך-אויווען צו פראָדוצירען קאַלך און אָרדנעט איין די וואַסער-לייטונג; די חלוצים האָבען שוין באַוואַלדעט דעם גאַנצען באַרג „תל-יוסף" (אויפ׳ן נאָמען פון יוסף טרומפּעלדאָר) און אויפגעטהון אַ סך אַנדערע אַרבייטען. מען זעהט, ווי די חלוצים, וואָס האָבען געאַרבייט ביז איצט אין די כבישים, האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אַנ׳אויסגעהונגערטער ליידענשאַפט און אַנ׳אויסערגעוועהנליכער ענערגיע צו דער לאַנדווירטשאַפטליכער אַרבייט. דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרען בלויז דורך אַ קליינעס טהייל פון דעם בודושעט וואָס דער קאָנגרעס האָט דאַרויף באַשטימט, ווייל דאָס איבעריגע געלד איז נאָך ניטאָ... מ׳קען זיך אַלזאָ פאָרשטעלן וואָס ס׳וואָלט געקענט געשאַפען ווערען ווען די חלוצים וואָלטען ניט געדאַרפט וואַרטען אויף דעם ארץ-ישראל-בודושעט גענוי ווי זיי האָבען געמוזט פריהער וואַרטען אין גלות.

אויסער די 250 חלוצים פונ׳ם „גדוד העבודה" באַזעצען זיך אין נורים דער מושב פון „אַחדות-העבודה" (60 משפחות אויף 6,000 דונאַם ערד), און די קבוצה „הגבעה", בעת דער מושב פונ׳ם „הפועל הצעיר" באַזעצט זיך אין מהלל, 80 משפחות אויף 8,000 דונאַם ערד. ביז איצט האָבען זיך שוין דאָרט באַזעצט 60 אַרבייטער וואָס האָבען שוין אייפגעטון ביז איצט אַ גאַנצע רייהע וויכטיגע אַרבייטען ווי זייערע חברים די חלוצים פונ׳ם גדוד אין נורים, ניט קוקענדיג וואָס אויך זיי האָבען ביז איצט באַקומען בלויז אַ קליינעס טהייל פונ׳ם בודושעט וואָס איז פאַר זיי אַסיגנירט געוואָרען. סיי אין עמק יזרעאל און סיי אין אַנדערע ערטער וואָלטען זיך שוין געקענט באַזעצען הונדערטער אַרבייטער-חלוצים און די איינציגע מניעה איז — געלד... דער בודושעט פון קאָנגרעס איז נאָך ניט דערפילט!

אָט די אַלע פונקטען זענען דער פועל-יוצא פון אַ גוט-דורכגעאַרבייטעטען קאָלאָניזאַציאָנס-פּלאַן, וואָס וואָלט שוין דאָס יאָהר געפיהרט צו דער לאַנדווירטשאַפטליכער באַזעצונג פון 1,000 אַרבייטער-משפחות,

אַ חוץ די הונדערטער משפחות וואָס וואָלטען זיך מיט דער הילף פֿון דיקרעדיטען געקענט באַזעצען אין א"י נאָך היינטיגס יאָהר. די זיכערונג פֿון דעם קרן־היסוד־בודזשעט וואָלט געזיכערט די צוקונפֿט פֿון די טויזענדער חלוצים וואָס זענען שוין דאָ אין א"י און געעפֿענט די טויערן פֿאַר טויזענדער נייע אידישע אימיגראַנטען, וואָס זוכען אין א"י אַ לעבען פֿון אַרבייט.

דאָס איז בקצור דער ס"ה פֿונ'ם ערשטען נאַציאָנאַלען ארץ־ישראל בודזשעט, און ס'וואָלט כדאי געווען, אַז יעדער איד זאָל זיך מאַכען גלייכ־צייטיג נאָך איין קורצען ס"ה: דעם סך־הכל פֿון דער גאַנצער אידישער איינוואַנדערונג אין ארץ־ישראל.

אין משך פֿון די לעצטע דריי יאָהר (פֿון פֿעברואַר 1919 ביז דעם ערשטען יאַנואַר 1922) זענען אַריין אין א"י בערך 21,000 אידישע איינ־וואַנדערער (25% פֿרויען). ביז די לעצטע חדשים איז די גרויסע מעהרהייט פֿון די איינוואַנדערער געווען חלוצים, אינ'ם עלטער פֿון 19 ביז 30 יאָהר. אין די לעצטע עטליכע חדשים האָט זיך פֿאַרגרעסערט די צאָהל משפחות צווישען די איינוואַנדערער. איצט בילדען די חלוצים אַ העלפֿט פֿון דער גאַנצער נייער איינוואַנדערערשאַפֿט.

די דאָזיגע איינוואַנדערונג מוז אָבער אַ סך פֿאַרגרעסערט ווערען, ווייל זי טראָגט אין זיך דעם סוד, די סגולה פֿון אונזער ערפֿאָלג און כח אין א"י. די דעקלעראַציע איז אונז געגעבען געוואָרען אויפֿ'ן גרונד פֿון אונזער פֿאָלקס־ווילען, און די זעלבע דעקלעראַציע קען בטל ווערען אויפֿ'ן גרונד פֿון אונזער פֿאָלקס־אונווילען!... מיר געדענקען נאָך אַלע די צייט ווען מיר האָבען געמוזט זאַמלען „חתימות" פֿון אירען אַז זיי ווילען א"י. קיין סאַן־רעמאָ זענען געפֿלויגען טעלעגראַמעס פֿון ציונים־טישע אָרגאַניזאַציעס און פֿאַרשידענע אידישע קערפּערשאַפֿטען צו פֿאַר־זיכערן די גרויסמעכטע אַז מיר ווילען א"י. די פֿעלקער האָבען געגלויבט אין אונזער ווילען און בלויז אויף אָט דעם גרונד איז דער באַשלוס אין סאַן־רעמאָ אָנגענומען געוואָרען. אונזערע אייגענע אידישע שונאים האָבען נאָך זייערע כלי־זין ניט אַוועקגעוואָרפֿען, און הערען ניט אויף, אינ'ם נאָמען פֿונ'ם אידישען פֿאָלק, צו קעמפֿען געגען אונזער נאַציאָנאַלער היים. איצט בלייבט פֿאַר דעם אידישען פֿאָלק צו ווייזען פֿאַר דער גאַנצער וועלט זיין ערנסטען ווילען אין מעשים.

דאָס איז דער קלאָרסטער אמת פֿון דער גאַנצער לאַגע. אונזער ווילען איז די באַזיס און אויך די גאַראַנטיע פֿון אונזער נאַציאָנאַלער היים, אונזער ווילען שטעהט אויף דער פראָבע. די פראָבע איז — דער קרן־היסוד.

# א היים-לאנד פאר א היימלאזען פאלק.

אויפבויען אַ היים-לאַנד פאַר אַ היימלאָזען פאָלק — מאַכען ארץ-ישראל פעהיג אַריינ־צונעהמען און אויסהאַלטען די גרויסע צאָהל אידען וואָס שטרעבען זיך דאָרט צו באַזעצען — דאָס איז די אויפגאַבע פונ׳ם קרן היסוד.

# א נאבעלע אידישע טראדיציע אויפגעלעבט.

ווי וועט דער קרן היסוד באַקומען דאָס געלד צו דורכפיהרען דיזע גרויסע פראָגראַמע ?

דער ענטפער איז — **מעשר.**

מעשר איז דער אוראַלטער אידישער צעהנטעל, אָדער שטייער פון הכנסית. ער איז אַזוי אַלט ווי דאָס אידישע פאָלק.

**זיין צוועק:** אַמאָל, צו באַזאָרגען די מיטלען פאַר דער אויפהאַלטונג פון די אידישע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס און די אידישע קהלות; היינט, צו באַזאָרגען די מיטלען פאַר דער אויפבויאונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל.

**זיין מעטאדע:** אַמאָל, אַ שטייער פון 10 פראָצענט וואָס דער אידישער שטאַאַט, אָדער אידישע קהלה, האָט אַרויפגעלעגט אויף די הכנסות פון יעדען איינציגען; היינט, אַ זעלבסט-אַרויפגעלעגטער שטייער פון יעדען איינציגען אויף זיינע, אָדער איהרע, הכנסות.

די אויפגאַבע וואָס דאָס אידישע פאָלק דאַרף דורכפיהרען פולשטענדיג צו אויפבויען ארץ ישראל איז אַזאַ אונגעהייער גרויסע, אַז אָהן דעם מעשר קען זי ניט דורכגעפיהרט ווערען. מיט דעם מעשר וועט ארץ ישראל זיכער אויפגעבויט ווערען, לכבוד ולתפארת לכל ישראל.

# א קורצער סך-הכל פון דער באלדיגער פראגראמע פונ׳ם קרן היסוד.

דער ציוניסטישער קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד האָט אָנגענומען רעזאָלוציעס וואָס ווייזען אָן די פאַרווענדונג פון די קרן היסוד געלדער אויף דעם פאָלגענדען אופן:

א) **צוואנציג פראצענט** פאַר דעם קויף און צוגרייטונג פון לאַנד, פאַר דער באַזעצונג פון אידישע אַקער-בויער (דורך דעם נאַציאָנאַל-פאָנד).

ב) **דרייסיג פראצענט** פאַר אונטערנעהמונגען פון אַ געשעפטס-כאַראַקטער, באַזונדערס די אונטערנעהמונג פון באַוועסערונג און אייסנוצונג פון וואַסער-קראַפט, קרעדיטען פאַר הייזער-בוי דורך דעם נאָר וואָס געגרינדעטען היפאָטעקען-באַנק, קרעדיטען פאַר אינדוסטריע, האַנדעל, און לאַנדווירטשאַפט דורך די שוין עקזיסטירענדע באַנק-אינסטיטוציעס און דורך אַ לאַנדווירטשאַפטליכער באַנק וואָס דאַרף געגרינדעט ווערען.

ג) **פופציג פראצענט** פאַר עפענטליכע אַרבייטען און עפענטליכע אינסטיטוציעס, ווי באַוואַלדונג, אַלגעמיינע סאַניטאַציע, און אויפהאַלטונג פון האָספיטעלער, אָרגאַניזירונג פון דער אימיגראַציע, געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, פאַרשטאַרקונג און פאַרגרעסערונג פון די אידישע לאַנדווירטשאַפטליכע אנזידלונגען, און די אויפהאַלטונג און פאַרגרעסערונג פון דער בילדונגס-סיסטעמע אין ארץ ישראל. (אַ רעזאָלוציע וואָס דער קאַרלסבאַדער קאָנגרעס האָט אָנגענומען גיט אָט דעם טהייל פונ׳ם בודזשעט, וואָס איז דער רעגולערער א״י-בודזשעט, דעם פאָרצוג אין די קרן היסוד געלדער וואָס דאַרפען דעם יאָהר געשאַפען ווערען).

# שרייבט אונז וועגען נאך קרן היסוד ליטעראטור.

# אויסגאבען פונ'ם קרן היסוד.

## ארויסגעגעבען פונ'ם הויפט-ביורא.

s. d.

1. "The Keren Hayesod Book" קאָלאָניזאַציע-פּראָבלעמען פונ'ם קרן היסוד (ענגליש) פּרייז 2 0
2. „וואָס וויל דער קרן היסוד", פון וו. בריון (ענגליש, אידיש, בולגאַריש, שפּאַניאָליש, און אַנדערע שפּראַכען) פּרייז 0 1
3. „די אידישע נאַציאָנאַלע היים און איהרע קריטיקער" (די אָקספאָרד רעדעס פון סער אַלפרעד מאָנד און דר. ווייצמאַן (ענגליש און אידיש) פּרייז 0 1
4. „דער קרן היסוד, זיין קאָנסטיטוציע און א"י-בודזשעט" (ענגליש, דייטש, אידיש און רוסיש) פּרייז 0 2
5. "Le Keren Hayesod" אַן אַפּיעל צום אידישען פאָלק, וואָס איז מעשר, דער אופבוי פון א"י (פראַנצויזיש) פּרייז 0 1
6. „די אָרגאַניזירונג פון די אידישע פאָלקס-כחות", פון ה. זלאַטאָפּאָלסקי (אידיש).
7. „פאָלקס-מעשר", פון י. ניידיטש (אידיש).
8. „מעשר", פון ש. פינסקי (אידיש, בולגאַריש) פּרייז 0 1
9. „רעדעס אין ארץ-ישראל" פון סער אַלפרעד מאָנד און דר. ווייצמאַן (אידיש) פּרייז 0 2
10. „די אידישע פרוי און ארץ ישראל", פון א. ביילין (אידיש) פּרייז 0 2
11. "Zionist Progress in Palestine" אַ רעקאָרד פון 4 יאָהר (ענגליש און אידיש).

## ארויסגעגעבען פונ'ם קרן היסוד אין ניו-יארק.

12. "The Greatest Romance in History" (ענגליש).
13. Address by Arthur James Balfour „ווי איך בין דעמאָלט געשטאַנען שטעה איך איצט" (ענגליש).
14. "To our Brothers in America", פון נחום סאָקאָלאָוו (ענגליש).
15. "Analysis of the Palestine Budget for the year 5682", פון פעטער שווייצער (ענגליש).
16. „דער קרן היסוד": זיין מיסיע און זיין מעטאָדע (ענגליש און אידיש).

## ארויסגעגעבען פונ'ם צענטראלביורא קרן היסוד פאר ענגלאנד.

17. „אַרטור דשוויימס באַלפור וועגען דער ציוניסטישער באַוועגונג" (ענגליש און אידיש) 0 1

## ארויסגעגעבען פונ'ם קרן היסוד אין בערלין.

18. „דער קרן היסוד", אַ ריכטליניע פאַר דער פּראַקטישער אַרבייט (דייטש).
19. „אידישע אַרבייטער אין א"י" (דייטש און אידיש).
20. „צוויי רעדעס אין מאַנשעסטער" פון סער אַלפרעד מאָנד און דר. ווייצמאַן (אידיש) 0 1
21. „דאָס נייע א"י" (דייטש און אידיש).
22. „אַלטנייַלאַנד" (דייטש און אידיש).

## ארויסגעגעבען פונ'ם קרן היסוד אין ווארשא.

23. „די מאַי-אונרוהען אין ארץ-ישראל און דער קרן היסוד" (אידיש).
24. „אַ בריעף צום אידישען פאָלק", פון דר. בובמיל (אידיש).
25. „בייקאָט, אָדער הילף, פאַר דער אַרבייטענדער א"י", פון מערזמינסקי (אידיש).

געדרוקט ביי י. נאַראָדיצקי, (טרייד יוניאָן), 48 מייל ענד רויד, לאָנדאָן, א.